בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתוכל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס
קכ"ז

יו"ל: ד' כסלו ה'תשפ"ד לפ"ק

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור

גענאנגען אין מקוה און נישט גע'הרג'עט געווארן...

טבע און השגחה

"טבע" - אַן איידעלע כפירה...

אזעלכע רצונות - נאך קיינמאל נישט געווען!

פארגעסן אז ער איז אַן אָבל...

"שומר 'מצרעת' נפשו"

אז מען גיט זיך נאר א ריר אוועק פון אויבערשטן...

דו דארפסט מיר נישט זאגן,
ער האט מיר שוין אליין דערציילט...

דער שעדליכער גיפט פון השכלה

"קינדער אין די וויגאלאך וועלן רעדן אפיקורסות!"

"שְׂפַת אֱמֶת תִּכּוֹן לָעַד"

א 'בעל גאוה'ניק' איז דער וואס שטייט 'נישט' אויף קיין חצות!

"תחתונים נדמה להם למעלה"

"השכם להרגו"

אנגעגרייט צדקה פון פריער

וואס האבן איך צו רעדן מיט אים?!

גע'חלש'טביים סדר

געשוויגן און נישט געענטפערט

הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:

**יוסף מענדל האָס**

מאנסי ארה"ב

**1-845-200-0443**

(ארה"ק: 072-257-3456)

©

כל הזכויות שמורות

לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (MP3) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:

**Rlyb148@Gmail.Com**

כדי ליטול חלק בהוצאות העתקת הטייפס ולהדפיסם, וכמו כן כדי לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של $30 יש להתקשר:

**(+1) 845-323-9216**

ניתן להאזין לכל השיחות שי"ל על ידינו:

בקו 'מערכת ברסלב'

ארה"ק: 02.560.7387

ארה"ב: 646.585.2985

ענגלאנד: 0330.390.0487

בעלגיע: 03.808.1775

לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש:

**#2.1.2.1.1 ואח"כ #127**

בס"ד

# פרשת תצוה

**שנת תשל"ו**

(טייפ מס' 141#)

## געגאנגען אין מקוה און נישט גע'הרג'עט געווארן...

[שיעור על פי ליקוטי מוהר"ן סי' ד'[א]]

(הענין של השגת עולם הבא הוא) **אז מען זעהט ארויס אז דאס איז אלץ געווען טובות און טובות. דערפאר, אז מען האט אט די ידיעה איצטער, איז דאס א ידיעה פון עולם הבא. לעתיד וועט אלץ זיין די בחינה, מען וועט אלץ וויסן די ידיעה.**

**דער רבי טייטשט אוין וויטער[ב]: "'אָנֹכִי ה' אֱלֹקֶיךָ'; פירוש, הן 'ה"** (רחמים)**, הן 'אלקיך'** (דין)**, תבין שכל זאת 'אנכי'". אין די 'עשרת הדברות' האט שוין דער**

---

[א] להבנת הענין נעתיק תחילת דברי רביז"ל שם, אות א', וז"ל: **כְּשֶׁאָדָם יוֹדֵעַ שֶׁכָּל מְאֹרְעוֹתָיו הֵם לְטוֹבָתוֹ, זֹאת הַבְּחִינָה הִיא מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא**, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים נ"ו): "**בַּה' אֲהַלֵּל דָּבָר בֵּאלֹקִים אֲהַלֵּל דָּבָר**". וְזֹאת הַבְּחִינָה הִיא מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (פְּסָחִים נ.): "בַּיּוֹם הַהוּא יִהְיֶה ה' אֶחָד" וְכוּ'. וְהִקְשׁוּ: וְכִי הָאִידְנָא לָאו הוּא אֶחָד? וְתֵרְצוּ חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה: הָאִידְנָא מְבָרְכִין עַל הַטּוֹבָה הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב, וְעַל הָרָעָה דַּיַּן אֱמֶת. וּלֶעָתִיד כֻּלּוֹ הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב, שֶׁיִּהְיֶה שֵׁם ה' וְשֵׁם אֱלֹקִים אַחְדוּת אֶחָד.

[ב] שם בסוף התורה, אות ט', וז"ל: וְזֶה פֵּרוּשׁ: "אָנֹכִי ה' אֱלֹקֶיךָ". פֵּרוּשׁ, הֵן **ה'**, הֵן **אֱלֹקֶיךָ**, תָּבִין, שֶׁכָּל זֹאת **אָנֹכִי**, הַיְנוּ שֶׁתְּקַיֵּם: "בַּה' אֲהַלֵּל דָּבָר, בֵּאלֹקִים אֲהַלֵּל דָּבָר", הַיְנוּ כֻּלּוֹ הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב, כַּנַּ"ל. "אֲשֶׁר הוֹצֵאתִיךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם", דְּאִיתָא בַּמִּדְרָשׁ (בְּרֵאשִׁית רַבָּה טז), כִּי כָּל הַגָּלֻיּוֹת נִקְרָאִים עַל שֵׁם גָּלוּת מִצְרַיִם, מִפְּנֵי שֶׁהֵם מְצֵרִים לְיִשְׂרָאֵל. הַיְנוּ שֶׁעַל יְדֵי הַצַּדִּיק נִתְבַּטֵּל מַלְכוּתָם וּמֶמְשַׁלְתָּם שֶׁל הָעַכּוּ"ם, כִּי עַל יְדֵי זֶה עוֹלָה מִתּוֹכָם מַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה כַּנַּ"ל. "מִבֵּית עֲבָדִים" זֶה רֶמֶז עַל בִּטּוּל הַמִּדּוֹת רָעוֹת שֶׁל אַרְבַּע יְסוֹדוֹת, הַמְכֻנִּים בְּשֵׁם עֲבָדִים, כִּי כָּל הָאַרְבָּעָה יְסוֹדוֹת הֵם מִתַּחַת גַּלְגַּל הַיָּרֵחַ. וְהַיָּרֵחַ מְכֻנֶּה בְּשֵׁם עֶבֶד, כַּמּוּבָא בַּזֹּהַר (וַיֵּשֶׁב קפ"א): "הִנֵּה יַשְׂכִּיל עַבְדִּי" דָּא סִיהֲרָא. פֵּרוּשׁ: עַל יְדֵי הַצַּדִּיק עוֹלָה הַמַּלְכוּת מִן הַסִּטְרָא אָחֳרָא, וְנִתְבַּטְּלִים הַמִּדּוֹת רָעוֹת, וְעַל יְדֵי זֶה הָאָדָם בָּא לִבְחִינַת עוֹלָם הַבָּא, לִבְחִינַת: "בַּה' אֲהַלֵּל דָּבָר, בֵּאלֹקִים אֲהַלֵּל דָּבָר".

אויבערשטער געלאזט וויסן אז סיי ה' און סיי אלקיך איז אלץ 'אנכי'. אז דער אויבערשטער האט געגעבן די אידן דער תורה, האט ער דאס באלד געגעבן אויף דעם אופן, 'דו זאלסט וויסן אז וואס עס גייט איבער איז אלץ דער 'אנכי''.

דאס איז א געוואלדיגע זאך אז דער מענטש ווייסט דאס. מיט אט די ידיעה האט רבי נתן געקענט אויסהאלטן אלץ וואס איז אויף אים איבערגעגאנגען, ער האט געהאט די תורה, ער האט מקיים געווען די אלע זאכן וואס דער רבי רעדט דא, ער איז נכלל געווארן אינעם 'אור אין סוף'.

(השואל: רבי נתן האט געהערט פון דעם רבי'ן די תורה?) די תורה איז געווען נאך פון פריער, די תורה האט דער רבי געזאגט אין זלאטיפאליע[ג]. אבער ער האט דאך געוואוסט פון דער תורה.

דער רבי זאגט[ד]: "חַד גַּלְגַּלָּא דְּעֵינָא"; אז דארט אין 'אין סוף' (לעתיד לבוא) וועט זיין נאר "עֵינָא חַד דְּרַחֲמֵי". רבי נתן איז טאקע נכלל געווארן אין 'אין סוף' וואס דארט האט מען די ידיעה, דערפאר האט ער געקענט האבן די אלע זאכענישן און דינען דעם אויבערשטן אז עס זאל אים נישט מבלבל זיין קיין שום זאך.

רבי נתן האט דאך (פארדינט) מיט דעם וואס ער איז געווען א נרדף און נישט קיין רודף, עס האט אים נישט מבלבל געווען, אדרבה, ער האט נאך מער זוכה געווען צו עבודה. אין די דריי יאר וואס ער איז געווען דארט פארשיקט, האט די טאכטער געזאגט, **'אזעלכע חצות'ן וואס זי האט געהערט דעמאלט פונעם טאטן האט זי נישט געהערט פאררדעם!'** ער האט אפגעראכטן אזעלכע חצות'ן בשעת וואס מען האט אים אזוי שטארק גע'רודפ'ט. און ער איז געגאנגען צוויי מאל אין מקוה,

---

[ג] חיי מוהר"ן נ"ט.

[ד] וזל"ש (ע"פ מאמר מרבב"ח בגמ' ב"ב דף עג.): **"וּמָלְאוּ מֵחַד גַּלְגַּלָּא דְּעֵינָא תְּלָת מֵאָה גַּרְבֵּי מִשְׁחָא"**. "גַּרְבֵּי מִשְׁחָא" זֶה בְּחִינוֹת הַדַּעַת, כִּי "שֶׁמֶן מִשְׁחַת קֹדֶשׁ" (שמות ל), זֶה בְּחִינַת שֵׂכֶל. "וּתְלָת מֵאָה" זֶה בְּחִינַת מֹשֶׁה ... וְזֶה בְּחִינַת **"חַד גַּלְגַּלָּא דְּעֵינָא"**, כַּמּוּבָא בְּאִידְרָא (זוהר נשא קלז:): **"וּלְזִימְנָא דְּאָתֵי יִשְׁתַּכַּח בָּהּ עֵינָא חַד דְּרַחֲמֵי"**, זֶה בְּחִינַת כֻּלּוֹ הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב.

**איינמאל ביי חצות און נאכאמאל פארן דאווענען. אז דער מענטש ווערט אזויפיל נכלל אינעם 'אור אין סוף' - דארטן איז "עינא חד דרחמי".**

**רבי נתן וואלט נישט געקענט מאכן די אלע** (ליקוטי) **הלכות'ער וואס ער האט געמאכט ווען עס זאל ווען נישט אויף אים אזוי פיל איבערגיין! ער וואלט נישט געקענט ארויסגעבן די תפילות וואס ער האט ארויסגעגעבן און אלע מכתבים און נאך זאכן וואס ער האט אלץ געטוהן ווען עס וואלט נישט געווען דאס** (מחלוקת)**. איז דאך דאס אלץ געווען לטובה, און דאס איז דאך אלץ געווען פאר אונז טובות.**

**ער האט געהאט פונעם רבי'ן די ידיעה אז עס איז אלץ לטובתו!**

**אז מען האט נאר די ידיעה, אפילו דער מח שיינט נישט אזוי, איז אויך שוין גוט.**

**רבי נתן האט דאך נישט געהאט קיין שום זאך וואס זאל אים עפעס קענען אפרייסן פון עבודת ה', אדרבה, ער האט זיך נאך מער ערוועקט צו עבודת השם. מען רעדט א מענטש וואס מען האט אים מתיר געמאכט להריגה, [מען דארף נישט איבער'חזר'ן און מעורר זיין דינים אויף אידן, אבער אזוי איז דאך געוועזן].** (רבי נתן שרייבט[ה]:) **"ברוך השם, איך בין געווען אין מקוה און מען האט מיר נישט גע'הרג'עט!". ער איז געווען אזוי גאנץ מיטן אויבערשטן, די עבודה איז געווען אַן עבודת ה', עס האט אים נישט מבלבל געווען קיין שום זאך - אט דאס איז א ידיעה פון עולם הבא.**

❖

[ה] עיין עלים לתרופה במכתב מיום ג' משפטים תקצ"ה, וזל"ש: וּכְבָר הָיִיתִי אֶתְמוֹל עַל צִיּוּן הַקָּדוֹשׁ **וְגַם בַּמִּקְוֶה וּבָרוּךְ הַשֵּׁם לֹא הָרְגוּ אוֹתִי** וְגַם לֹא הִגִּיעַ לִי שׁוּם אֶבֶן חַס וְשָׁלוֹם, וְגַם בִּזְלַאטֶעפָּאלְיֶע הָיִיתִי וְהִתְפַּלַּלְתִּי שָׁם שַׁחֲרִית **וְהָיִיתִי בַּמִּקְוֶה וְיָצָאתִי מִשָּׁם בְּשָׁלוֹם**, מִי יְסַפֵּר נִפְלְאוֹת ה' וַחֲסָדָיו הַגְּדוֹלִים בְּתוֹךְ הַצָּרָה עַצְמָהּ הֵן הֵן גְּבוּרוֹתָיו הֵן הֵן נוֹרְאוֹתָיו שֶׁתְּהִלָּה לָאֵל יֵשׁ לָנוּ קִיּוּם עַד הֵנָּה, וּבָזֶה בָּטַחְנוּ שֶׁבְּוַדַּאי גַּם לָנֶצַח אַל יִטְּשֵׁנוּ וְאַל יַעַזְבֵנוּ וּמִכָּל צָרוֹתֵינוּ יוֹשִׁיעֵנִי

# טבע און השגחה

זאגט דער רבי[ו]: "אט די בחינה קען מען נישט משיג זיין נאר אז מען נעמט ארויס דער 'מלכות דקדושה מהגלות מבין העכו"ם. כי עכשיו המלכות וההמשלה להעכו"ם', וואס דערפאר ווערן אנגערופן זייערע עבודות זרות בשם 'אלהים'".

טאקע א פלא'דיגע זאך, דער שם "אלקים" איז דאך פון די ז' שמות שאינם נמחקים. און זייערע עבודות זרות ווערן אנגערופן מיט אט דעם נאמען "אלהים" - מיט קיין אנדער 'שֵׁם' נישט. "אלהים אחרים". פארוואס טאקע האבן זיי א יניקה פון אט דעם שם? נאר פון ווייטער קומט אויס, וויבאלד אז מען ווייסט אז דער אלקים, די דינים, [אלקים איז דאך דינים], איז אויך פון אויבערשטן, האבן זיי נישט קיין שום יניקה. טאמער האב איך חלילה נישט די ידיעה אז אויב עס גייט דינים, אלקים, אז דאס איז אויך פונעם אויבערשטן 'לטובתי', און אז 'שכל מאורעותיו הם לטובתו' - אז דאס איז פאר מיין טובה וועגן, מאכן מיר דורך דעם א חילוק פון ה' ביז אלקים, [ה' איז דאך רחמים], האבן זיי דעמאלט א יניקה פון דעם אלקים. דערפאר הייסט זייער עבודה זרה, "אלהים אחרים".

טאקע ביי אליהו הנביא'ן דעמאלט האבן זיי אלע געשריגן[ז]: "ה' הוּא הָאֱלֹקִים, ה' הוּא הָאֱלֹקִים" - אז דער אלקים איז נישט אפגעטיילט פון דעם ה'. פון וואו האבן די אלע עובדי הבעל געהאט א יניקה? פון דער תורה קומט אויס, אויב מען טיילט אפ דעם 'שם אלקים' פון 'שם ה'', מען ווייסט נישט אז עס איז 'הכל אנכי', האבן זיי א יניקה.

איז ווען קען מען וויסן אט די ידיעה (שה' הוא האלקים)? זאגט דער רבי - ווען מען נעמט ארויס דער מלכות פון זיי. וויבאלד דורך דעם נעם איך ארויס דעם אלקים

---

[ו] שם בהמשך אות ב', וזל"ש: **וְזֹאת הַבְּחִינָה אִי אֶפְשָׁר לְהַשִּׂיג, אֶלָּא כְּשֶׁמַּעֲלֶה בְּחִינַת מַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה מֵהַגָּלוּת מִבֵּין הָעַכּוּ"ם. כִּי עַכְשָׁו הַמַּלְכוּת וְהַמֶּמְשָׁלָה לְהָעַכּוּ"ם, וּבִשְׁבִיל זֶה נִקְרָאִים עֲבוֹדַת אֱלִילִים שֶׁלָּהֶם בְּשֵׁם אֱלֹהִים, כִּי יוֹנְקִים מִבְּחִינַת מַלְכוּת הַנִּקְרָא אֱלֹקִים, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** (תְּהִלִּים ע"ד)**: "אֱלֹקִים מַלְכִּי מִקֶּדֶם". וּכְשֶׁמַּעֲלִין בְּחִינַת מַלְכוּת מִבֵּין הָעַכּוּ"ם, אֲזַי נִתְקַיֵּם** (שָׁם מ"ז)**: "כִּי מֶלֶךְ כָּל הָאָרֶץ אֱלֹקִים".**

[ז] מלכים-א יח, לט.

פון זיי. וויבאלד זייער יניקה איז פון מלכות (הנקרא) אלקים, (כמו שכתוב:) "אֱלֹקִים מַלְכִּי מִקֶּדֶם".

קומט אויס, אז עס גייט חלילה איבער דינים אויף א מענטש - דער אויבערשטער זאל אפהיטן, דארף דער מענטש זיך היטן צו מקשר זיין זיך צום אויבערשטן מיט אלע עצות, און ער זאל וויסן אז דאס איז פאר זיין טובה וועגן, נישט אפרייסן דעם שם אלקים פון דעם שם ה'.

דער רבי זאגט טאקע אין תורה ע"ב[ח], בשעת עס גייט אביסל איבער אויף א מענטש דינים, זאל ער זיך היטן און מורא האבן פאר דעם יצר הרע. פארוואס? ווייל דינים איז דאך דער שם אלקים, האבן זיי א גרויסע יניקה פון דעם שם. טאמער וועל איך דאס נישט מקבל זיין מיט א רצון טוב און וויסן אז דאס איז פאר מיין טובה וועגן און אז דאס איז אלץ 'הכל אנכי', האבן זיי א יניקה פון דעם.

א פלא'דיגע זאך, יום כיפור אויף דער נאכט נאך נעילה שרייט מען: "ה' הוא אלקים, ה' הוא אלקים, ה' הוא אלקים" (ז' פעמים). מיט דעם קרוינט מען דעם אויבערשטן. ווייל דער עיקר איז, נישט מאכן קיין חילוק פון "ה'" מיט "אלקים", עס איז אלץ 'אנכי'.

אז מען נעמט ארויס פון זיי דעם אלקים, האבן זיי נישט קיין חיות, קיין מלכות. מען דארף אומקערן דער מלוכה צום אויבערשטן. דאס 'אומקערן דער מלוכה צום אויבערשטן' איז שייך צו זאגן אפילו דאס 'התגלות מלך המשיח' איז נאך נישט בשלימות, וויבאלד איך נעם ארויס דער מלכות פון זיי, איך וויים אז דער אויבערשטער איז דער מלך, דער אויבערשטער פירט אלצדינג.

---

ח וזל"ש: שֶׁיֵּשׁ בְּחִינַת יֵצֶר הָרָע, שֶׁהוּא מַלְאָךְ הַקָּדוֹשׁ, וְאַף עַל פִּי כֵן הוּא יֵצֶר הָרָע, **וְצָרִיךְ לְהִתְגַּבֵּר וּלְהִמָּלֵט מְאֹד מִמֶּנּוּ**. הַיְנוּ בְּחִינוֹת גְּבוּרוֹת, **בְּחִינוֹת דִּינִים**. וְזֶה הַבַּר דַּעַת, יֵשׁ לוֹ זֶה הַיֵּצֶר הָרָע הַנַּ"ל, הַיְנוּ גְּבוּרוֹת וְדִינִים. וְצָרִיךְ לְהִתְגַּבֵּר עָלָיו, וּלְהַמְתִּיק הַדִּינִים, שֶׁיִּהְיֶה רַק כֻּלּוֹ טוֹב. **כִּי מִי שֶׁנִּכְלָל בַּמָּקוֹם שֶׁצָּרִיךְ לְהִכָּלֵל, הַיְנוּ בְּאֵין סוֹף, שָׁם כֻּלּוֹ טוֹב, וְאֵין שָׁם דִּין, חַס וְשָׁלוֹם**. עַל כֵּן צָרִיךְ לִהְיוֹת כֻּלּוֹ טוֹב, וּלְהַמְתִּיק כָּל הַגְּבוּרוֹת וְהַדִּינִים, שֶׁהֵם הַיֵּצֶר הָרָע שֶׁלְּמַעְלָה ... **וְעַל כֵּן, מִי שֶׁיֵּשׁ עָלָיו דִּינִים, חַס וְשָׁלוֹם, וְיֵשׁ לוֹ אֵיזֶה צָרָה רַחֲמָנָא לִצְלַן, צָרִיךְ לִרְאוֹת וּלְהִשְׁתַּדֵּל מְאֹד לְהִנָּצֵל מֵהַיֵּצֶר הָרָע אָז.**

עס שטייט[ט] אז "אלקים" איז בגימטריא "הטבע". דאס התגלות אלקות וואס איז געווען אמאל בימי הבית, און אפילו שפעטער שוין בימי התנאים - ביי זיי איז דאך געווען נסים נגלים, איצטער האבן מיר דאס נישט. עס ווערט שוין געבראכט טאקע, דער אויבערשטער פירט איצטער דער וועלט נאר מיט א מין העלמה און הסתרה, דאס אלקות איז נעלם, עס איז מלובש אין דעם דרך הטבע - די מערכת המזלות איז דאך דער דרך הטבע. אז מען איז דאס אבער מקשר צום אויבערשטן, איז אלץ דער אויבערשטער.

אזוי (סתם קוקט אויס) - עס ווערט נאכט, עס ווערט טאג, די שטערן זענען 'אזוי'. זיי (- די חכמי הטבע) זעהען און קוקן - עס וועט זיין רעגן, עס וועט זיין שניי - דאס נעמט זיך אבער אלץ ווייל דער אויבערשטער פירט איצטער נאר בדרך הטבע. ווייל דער אמת איז, דער אויבערשטער טוהט מיט יעדן איינעם ניסים איצטער אויך, נאר עס איז מלובש אין א דרך הטבע. דארף מען האבן גרויס רחמים צו מקשר זיין דעם טבע צום אויבערשטן.

דער רבי זאגט אין א תורה דארטן[י]: "באמת ווייסט מען נישט וואס הייסט טבע און וואס הייסט השגחה, ווייל דאס איז דאך אלץ 'הכל אחד'". אבער עס איז דאך פארט א 'דרך הטבע'. פארוואס איז דא אזא העלמה פון דעם זכרון אין 'עלמא דאתי'? ווייל עס איז מלובש אין א דרך הטבע. אמאל בזמן הבית און אפילו שפעטער שוין, האט מען אנגעטאפט דער השגחה, מען האט געזעהן דאס אלקות און די הנהגה פון השגחה, ממילא איז מען געווען מקושר צום עלמא דאתי, מען האט דאס געזעהן. אבער היינט איז העלמה און העלמה.

---

[ט] פרדס רימונים שער י"ב פרק ב'.

[י] ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' י"ז: וּבֶאֱמֶת אֵין אָנוּ יְכוֹלִין לְהָבִין מַהוּ טֶבַע וְהַשְׁגָּחָה. כִּי בֶּאֱמֶת גַּם הַטֶּבַע הִיא הַשְׁגָּחָתוֹ יִתְבָּרַךְ, וְזֶה אִי אֶפְשָׁר לָאָדָם לְהָבִין שְׁנֵי דְּבָרִים כְּאֶחָד, דְּהַיְנוּ הַטֶּבַע שֶׁבֶּאֱמֶת הִיא הַשְׁגָּחָתוֹ יִתְבָּרַךְ.

# "טבע" - אַן איידעלע כפירה...

דער רבי זאגט טאקע אין תורה ס"ב[יא]: די שכינה איז ממליץ טוב אויף אידן: פון דיר ווייסט מען דאך נאר 'מגלוי על הסתום', און וויבאלד פון דעם גלוי זעהט מען דאך גארנישט, דערפאר איז אזא העלמה - וויז עפעס א התגלות. "כי כמוך כפרעה". פרעה איז א לשון התגלות[יב]. דאס הייסט, פון דיר ווייסט מען נאר וועדליג דו ווייזט זיך ארויס. און מען זעהט דאך היינט גארנישט - אזוי איז די שכינה ממליץ טוב אויף אידן.

דאס אז דער טבע איז אלקים איז נישט נאר בשעת עס גייט איבער אויף א מענטשן, נאר ביי דער גאנצער הנהגה וואס עס גייט איבער אויף א מענטש זאל ער וויסן אז דאס איז אלץ השגחה; איך שטיי אויף, איך לייג זיך, איך עפן אויף די אויגן, איך קען גיין ווייטער - דאס איז אלץ השגחה. מען פאלט דאך אריין אין טבע אז אזוי איז דאס - עס איז א נאטור אזוי, דערפאר מוז דאס האבן א געוואלדיגע התקשרות, דאס הייסט א 'שלימות אמונה', עס איז א געוואלדיגע בקיאות.

דאס ענין פון רעדן צום אויבערשטן דיבורים איז אויך א געוואלדיגע זאך וואס זאל מיר אפרייסן פון דעם דרך הטבע. ווייל אז איך רעד צום אויבערשטן דיבורים, רעד איך זיך אוים מיין רְאיה, מיין שמיעה, מיין דיבור, איך רעד דאך אלצדינג אוים,

---

[יא] אות ו', וזל"ש בא"ד: **אֲזַי הָאֱמוּנָה הִיא מַמְלֶצֶת עַל הָרְחוֹקִים לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, שֶׁיְּקָרֵב אוֹתָם בְּצֵל כְּנָפָיו. וְזֶה הִיא מְלִיצָתָהּ: כִּי עִקַּר טָעוּתָם שֶׁל הָרְחוֹקִים מֵאֱמוּנַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, מֵחֲמַת שֶׁעִקַּר יְדִיעַת אֱלֹקוּתוֹ אֵינוֹ אֶלָּא מִגָּלוּי עַל הַסָּתוּם. וּמֵחֲמַת שֶׁרוֹאִים מִגָּלוּי, שֶׁהַנְהָגַת הָעוֹלָם הוּא עַל יְדֵי מַעֲרֶכֶת הַמַּזָּלוֹת, נָפְלוּ בְּטָעֻיּוֹת, כָּל אֶחָד לְפִי טָעוּתוֹ.**

[יב] עיין שם: וְזֶה: וַיִּגַּשׁ אֵלָיו יְהוּדָא, דָּא תִּקְרֻבְתָּא דְּמַלְכָּא לְמַלְכָּא. וַיֹּאמֶר אֵלָיו בִּי אֲדוֹנִי, **שֶׁהַשְּׁכִינָה מְבַקֶּשֶׁת רַחֲמִים מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, עַל אֵלּוּ הָרְחוֹקִים.** יְדַבֵּר נָא עַבְדְּךָ דָבָר בְּאָזְנֵי אֲדֹנִי, וְלֹא יִשָּׁמַע עוֹד אֶמְצָעִי. וְאַל יִחַר אַפְּךָ בְּעַבְדֶּךָ, עַל הֶעָבָר. **כִּי כָמוֹךָ כְּפַרְעֹה, פַּרְעֹה, לְשׁוֹן הִתְגַּלּוּת. כִּי אַתָּה אֵינְךָ יָדוּעַ לִבְנֵי אָדָם אֶלָּא מֵהַגָּלוּי, וּמֵחֲמַת שֶׁאֵינְךָ יָדוּעַ אֶלָּא מֵהַגָּלוּי, לְפִיכָךְ טָעוּ כָּל אֶחָד לְפִי טָעוּתוֹ.** אֲבָל כְּשֶׁאַתָּה מְבַטֵּל רְצוֹנְךָ בִּשְׁבִיל רְצוֹן הַצַּדִּיק, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (מֹעֵד קָטָן ט"ז:): 'הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא גּוֹזֵר וְצַדִּיק מְבַטֵּל'. אֲזַי יֵדְעוּ מֵהַגָּלוּי עַל הַסָּתוּם, כְּשֶׁרוֹאִים שֶׁמַּעֲרֶכֶת הַמַּזָּלוֹת מְחַיְּבִים אֵיזֶה גְּזֵרָה, וְצַדִּיק מְבַטֵּל, אֲזַי יֵדְעוּ שֶׁיֵּשׁ אֱלֹקַי נִמְצָא, שֶׁהוּא עוֹשֶׂה רְצוֹן הַצַּדִּיק. וְזֶה מַה פַּרְעֹה גּוֹזֵר וְאֵינוֹ מְקַיֵּם. פַּרְעֹה הַיְנוּ מַעֲרֶכֶת הַמַּזָּלוֹת הַגְּלוּיִים לְכָל גְּזֵרָתָם. אַף אַתָּה גּוֹזֵר וְאֵינְךָ מְקַיֵּם, כִּי הַצַּדִּיק מְבַטֵּל.

ממילא בין איך אלץ מקשר צום אויבערשטן אז עס איז נישט קיין טבע - מיין דיבור איז נישט קיין טבע, מיין שמיעה איז נישט קיין טבע, מיין גיין איז נישט קיין טבע, מיין עסן איז נישט קיין טבע - איך דערצייל דאך אלצדינג דעם אויבערשטן, איך האב א שייכות צום אויבערשטן, ממילא נעם איך זיך ארויס פון דעם טבע, איך גיי אריין אין השגחה, אין אמונה, דאס איז בפשיטות אָן קיין שום גדולות און השגות אלקות, נאר פראסט פשוט האבן אמונה, זיך געבן א קוק אז וואס עס טוהט זיך מיט מיר איז אלץ בהשגה פון דעם אויבערשטן.

דער רבי האט א זאג געגעבן[יג]: "**די מיט די ברייטע אַרבּל זענען אויסגעקנעטן מיט אפיקורסות!**" - א ווארט פון רבי'ן. פארוואס? ווייל אז מען האט נישט די זאך פון רעדן צום אויבערשטן דיבורים, ווערט מען נישט אנגעקניפט מיט דער אמונה, ממילא, וועלכעס זאל מיר מקשר זיין צום אויבערשטן אז איך זאל נישט אריינפאלן אין טבע?! אבער אז איך רעד צום אויבערשטן, רעד איך דאך אלצדינג אויס, איך רעד דאך אויס מיינע אויגן אויך, איך רעד דאך אויס מיין מויל - איך רעד דאך אלץ אויס צום אויבערשטן, אזוי ווער איך נכלל אין השגחה, אט דאס הייסט אמונה.

דער רבי זאגט[יד]: "אַן איש כשר איז אַן ענין אחר לגמרי". חוץ וואס אַן איש כשר איז טאקע אויסגעהארעוועט פון די תאוות, האט דאך אַן איש כשר א התקשרות צום אויבערשטן, ממילא וואו ער גיט זיך א ריר איז אלץ אלקות.

"בשבתך בביתך" - ווען דו זיצט אין שטוב, "ובלכתך בדרך" - ווען דו גייסט אין וועג, "ובשכבך ובקומך" - ווען דו לייגסט זיך און ווען דו שטייסט אויף - האב אינזין

---

[יג] עיין טעם זקנים קונטרס ל': מען האט געפרעגט דעם רבי'ן: "**וואס האט איר א שייכות מיט די אפיקורסים?**" (ענה רביז"ל) "**און וואס האב איך א שייכות צו אייך?!**" - עס שטייט אין חיי מוהר"ן (אות ר"ח). האט דער רבי א זאג געגעבן: "**די חסידים** (- היינו החסידים הטועים) **מיט די ברייטע ארבל, זענען אויסגעקנעטן מיט אפיקורסות - דערצו זענען זיי נאך נאַראָנים אויך; 'זיי' זענען כאטש קלוג!**". פארשטייסט? 'זיי' זענען אויסגעקנעטן מיט אפיקורסות, דערצו זענען זיי נאך טפשים אויך; 'זיי' זענען כאטש קלוג, מיט'ן רעדן מיט זיי האט דער רבי געקענט מאכן אסאך בעסער ווי מיט 'זיי', זיי זענען דאך אלע געווארן צוגעצויגן צום רבי'ן. מובא בשיש"ק (חדש) ח"א, אות תרכ"ג.

[יד] ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' קט"ז; שיחות הר"ן אות י"ד.

בפשיטות דעם אויבערשטן אומעטום - אין שטוב, אין וועג, ווען דו לייגסט זיך, ווען דו שטייסט אויף. אז מען איז מקיים דעם "ודברת בם", ליג איך נישט אין טבע. טבע איז דאך א געוואלד, טבע איז דאך אפגעריסן פונעם אויבערשטן. דער רבי זאגט טאקע[טו] אז "טבע איז אויך השגחה", אבער דערווייל ליג איך דאך אין טבע. ביי וועמען איז טבע 'השגחה'? ביי ווער עס איז טאקע מקשר דעם טבע צו השגחה. איז מען דאך אין א געוואלדיגע סכנה. עס איז א געוואלדיגער נחת רוח למעלה אז דער מענטש איז זיך מקשר צום אויבערשטן.

דער ענין וואס דער רבי האט געהייסן אז מען זאל רעדן דיבורים צום אויבערשטן דאס איז דאך א מין זאך מיט וואס איך בין צוגעבונדן צום אויבערשטן ביי יעדער זאך, דורך דעם פאלט מען ארויס פון טבע.

מען רופט עס אָן 'טבע', עס איז אבער אַן איידעלע כפירה... עס איז איידל אפגעריסן זיך פונעם אויבערשטן...

אז א מענטש האט א התקשרות צום אויבערשטן מיטן דיבור, איז ער ממש מקושר צום אויבערשטן; אז ער לייגט זיך שלאפן, שלאפט ער איין נישט אזוי ווי א - - נאר ער שלאפט איין מיטן אויבערשטן, ער שלאפט איין מיט אלקות, און אז ער שטייט אויף, איז ער שוין - -

דער רבי זאגט דאך[טז]: "יראי השם, תיכף בבוקר בהקיצו, קודם שיתחיל שום דבר, יזכור מיד בעלמא דאתי". פארוואס מוז זיין דאס דאזיגע? ווייל די וועלט איז אזא מין טבע וואס עס רייסט אפ, עס רייסט אפ, און אז עס רייסט אפ איז מען ממש אפגעריסן פון אלקות, מען ליגט אין טבע. 'טבע' איז אַן איידעלער לשון, דאס איז אבער א שמיץ פון אפיקורסות, דאס איז א וועג פון אפיקורסות. וואס איז דען אַן אפיקורס? ער האט נישט קיין אמונה אין אויבערשטן, עס פירט זיך אזוי...

---

[טו] עיין לעיל הערה י'.

[טז] ליקוטי מוהר"ן סי' נ"ד.

איז צו משיג זיין אט די בחינה, איז נאר אז מען נעמט ארויס דער מלכות פון זיי אז נישט זיי זענען די ממשלה - כאטש מען איז דאך נאך אין גלות. און ווען קען דאס זיין? אז ביי מיר איז נישט קיין חילוק צו דער שם איז 'אלקים' נאר אפילו ביי דעם "באלקים" איז אויך "אהלל דבר", אזוי נעם איך ארויס דעם אלקים פון זיי, דעמאלט האבן זיי נישט קיין שום כח.

❖

## אזעלכע רצונות - נאך קיינמאל נישט געווען!

זאגט דער רבי דא[יז]: "מען קען נישט אומקערן דער מלוכה צום אויבערשטן נאר דורך וידוי דברים פאר א תלמיד חכם". דער רבי הויבט אָן א זאך און לאזט נישט אפ, ווייטער ווייטער - נאר דורך וידוי דברים פארן תלמיד חכם בין איך מעלה דער מלכות לשרשה.

רבי נתן רעדט אז וידוי דברים קען מען נאר האבן מיט התקשרות - מען איז זיך מתוודה פארן אויבערשטן מיט התקשרות צום תלמיד חכם, מיט התקשרות צו דעם אמת'ן צדיק[יח].

(דער רבי טייטשט אוים דעם פסוק:) "קְחוּ עִמָּכֶם דְּבָרִים וְשׁוּבוּ אֶל ה'". זאגט דער רבי, "דברים" האט צוויי טייטשן: 'מלכות' - "דַּבָּר אֶחָד לְדוֹר", און 'דיבורים'. טייטשט דער רבי: "קחו עמכם דברים" – נעמט מיט אייך 'דיבורים', דאס הייסט, איר זאלט

---

[יז] ליקוטי מוהר"ן סי' ד', שם בהמשך, אות ג', וזל"ש: **וְאִי אֶפְשָׁר לְהָשִׁיב הַמְּלוּכָה לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אֶלָּא עַל יְדֵי וִדּוּי דְּבָרִים לִפְנֵי תַּלְמִיד חָכָם.** עַל יְדֵי זֶה מְתַקֵּן וּמַעֲלֶה בְּחִינַת מַלְכוּת לְשָׁרְשָׁהּ. וְזֶהוּ פֵּרוּשׁ: (הוֹשֵׁעַ י"ד): "**קְחוּ עִמָּכֶם דְּבָרִים**" זֶהוּ **וִדּוּי דְּבָרִים**, זֶה בְּחִינַת **מַלְכוּת**, כְּמוֹ דַּבָּר אֶחָד לְדוֹר (סַנְהֶדְרִין ח.). דַּבָּר, לְשׁוֹן מַנְהִיג וּמוֹשֵׁל. **וְשׁוּבוּ אֶל ה'** שֶׁיְּתַקְּנוּ וְיַעֲלוּ אֶת הַדְּבָרִים, אֶת בְּחִינַת מַלְכוּת, בְּחִינַת אֱלֹהִים אֶל ה'. הַיְנוּ כַּנַּ"ל: "**בַּה' אֲהַלֵּל דָּבָר, בֵּאלֹהִים אֲהַלֵּל דָּבָר**", הַיְנוּ שֶׁיֵּדַע, שֶׁכָּל מְאֹרְעוֹתָיו, כֻּלָּם לְטוֹבָתוֹ, וִיבָרֵךְ עַל כָּל הַדְּבָרִים הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב.

[יח] ראה ליקוטי תפילות על תורה זו, בסופו, וזל"ש: **וּוִדּוּי דְּבָרִים שֶׁהִתְוַדֵּיתִי לְפָנֶיךָ, יִהְיֶה חָשׁוּב וּמְקֻבָּל וּמְרֻצֶּה לְפָנֶיךָ, כְּאִלּוּ הִתְוַדֵּיתִי לִפְנֵי הֶחָכָם וְהַצַּדִּיק הָאֱמֶת שֶׁבַּדּוֹר וְכָל הַמַּעֲלוֹת וּמִדּוֹת טוֹבוֹת וּבִטּוּל תַּאֲווֹת וּמִדּוֹת רָעוֹת וְכָל שְׁאָר הַמַּעֲלוֹת טוֹבוֹת, שֶׁהָיִינוּ יְכוֹלִים לִזְכּוֹת עַל יְדֵי צַדִּיקֵי הָאֱמֶת.**

האבן 'וידוי דברים', און דורך דעם וועט איר ארויסנעמען דער מלכות, "ושובו אל ה'" - איר וועט אומקערן דעם אלקים צו ה'. מלכות איז דאך אלקים. די שכינה הקדושה ווערט דאך אנגערופן 'מלכות', 'אלקים'. אז מיר טיילן אפ דעם אלקים פון דעם ה', איז 'שכינתא בגלותא' - איז די מלכות דקדושה אין גלות. חלילה אז עס איז עפעס אריין דא אז אלקים (טבע) איז אפגעריסן פון דעם אויבערשטן, איז שכינתא בגלותא.

ביידע זאכן איז טייטש דערווארט "דברים": 'דיבורים' - 'וידוי דברים', און 'מלכות'. אז עס וועט זיין "ושובו אל ה'" - מען וועט אומקערן דעם אלקים "אל ה'", וועט זיין "בה' אהלל דבר" און "באלקים אהלל דבר".

קומט אוים, דער ענין פון וידוי דברים, חוץ וואס דאס איז אליין א זאך, איז דאס א זאך וואס איז מיר מקשר צום אויבערשטן. אז איך רעד צום אויבערשטן, איך נעם דיבורים, נעם איך ארוים דער 'מלכות' פון זיי און קער עס אום "אל ה'".

אז נישט פאלט מען אריין אין א געוואלדיגע סכנה. איצטער איז א געוואלדיגע סכנה אויף יעדן איינעם, ווייל די השגחה איז מלובש אין דרך הטבע, מען זעהט נישט ארוים דאס אלקות, עס איז פארשטעלט. כאטש עס איז דאך תמיד געווען אזוי, דער רבי רעדט דאך דאס נאך בימיו[יט], נאר וואס מען גייט אלץ נענטער צו דעם אור פון משיח'ן, ווערט אלץ די העלמה מערער. דערפאר טאקע, פון 'בימיו' דעם אר"י הקדוש שיינט שוין דער אור פון משיח'ן, עס איז שוין פארהאן א הארה פון דעם שער הנו"ן. פארוואס טאקע? ווייל עס איז דא א התגברות פון די נו"ן שערי טומאה.

דערפאר טאקע, אז ער איז א בעל תשובה, קען ער היינט זוכה זיין צו אסאך זאכן וואס ער האט נישט זוכה געווען פריער, ווייל עס איז שוין פארהאן אַן הארה פון דעם שער הנו"ן. נאר וואס דען, עס איז זייער נעלם.

[יט] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ל"א, אות ט': עַכְשָׁו פְּנֵי ה' מֻסְתָּר בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע, בְּהַנְהָגַת הַמַּזָּלוֹת, ועוד.

רבי נתן זאגט דארטן אין דער תפילה אויף ל"ג בעומר[כ]: **"אזעלכע רצונות וואס אידן האבן איצטער צום אויבערשטן, איז נאך קיינמאל נישט געווען!"**. א געוואלדיגע ליכטיגקייט איז איצטער דא. פארוואס איז דא אזעלכע ליכטיגקייטן? ווייל עס איז דא א התגברות פון די נו"ן שערי טומאה, איבער דעם איז דא א ליכטיקייט פון דעם שער הנו"ן דקדושה.

אז אידן ווילן טאקע, האבן זיי געוואלדיגע כוחות.

דער רבי האט אונז געגעבן אַן עצה פון 'וידוי דברים', דאס איז א געוואלדיגע זאך. אז איך רעד צום אויבערשטן דיבורים, "קחו עמכם דברים", נעם איך שוין ארויס דער מלכות פון זיי, און "ושובו אל ה'", מען קערט אום דעם אלקים צו ה'.

א געוואלדיגע התגלות איז דער רבי מודיע דא אין די ווערטער.

❖

## פארגעסן אז ער איז אַן אָבל...

זאגט דער רבי[כא]: אז מען ווייסט אז 'ה'' און 'אלקים' איז איין זאך, הייסט עס א 'ידיעה שלימה' - א גאנצע ידיעה. א ידיעה, דעת, איז התחברות, (כמ"ש:) "והאדם ידע"[כב]. א התחברות פון צוויי זאכן וואס זענעןביידע הפכים, הייסט 'דעת'. אז מען איז מחבר 'חסד' מיט 'גבורה', דעמאלט ווערט 'דעת'. 'חכמה בינה דעת'. 'חכמה' איז חסד, 'בינה' איז גבורה, און 'דעת' איז דער חיבור פון זיי ביידע. קומט אויס, א

---

[כ] ח"ב תפילה מ"ז, וזל"ש: **וְהִנֵּה בְּתֹקֶף סוֹף הַגָּלוּת הַמַּר הַזֶּה, וּכְבָר הִתְחִיל לְהִתְנוֹצֵץ הִתְנוֹצְצוּת מָשִׁיחַ מִימֵי הָאֱלֹקִי הָאֲרִ"י זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, וְעַמְּךָ בֵּית יִשְׂרָאֵל מִשְׁתּוֹקְקִים וּמִתְגַּעְגְּעִים מְאֹד לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְהַכֹּל חֲפֵצִים לְיִרְאָה אֶת שְׁמֶךָ בְּהִשְׁתּוֹקְקוּת נִמְרָץ וְנִפְלָא אֲשֶׁר לֹא הָיְתָה כָּזֹאת מִימֵי קֶדֶם "הֱקִיצוֹתִי וְעוֹדִי עִמָּךְ", בָּאתִי עַד קֵץ כָּל הַדּוֹרוֹת וְעוֹדִי עִמְּךָ עֲדַיִן אָנוּ אֲחוּזִים בָּךְ, וּמִשְׁתּוֹקְקִים לַעֲבוֹדָתְךָ בִּכְלוֹת הַנֶּפֶשׁ אֲבָל אַף עַל פִּי כֵן, גַּם גֹּדֶל רִחוּקֵנוּ מִמְּךָ בָּעִתִּים הַלָּלוּ הוּא גַּם כֵּן בְּלִי שִׁעוּר.**

[כא] שם בהמשך אות ד': **וּכְשֶׁיֵּדַע כָּל זֹאת נִקְרָא יְדִיעָה שְׁלֵמָה, כִּי עִקַּר הַדַּעַת הוּא אַחְדוּת שֶׁל חֶסֶד וּגְבוּרָה, זֶה נִקְרָא דַּעַת, הַיְנוּ שֶׁלֹּא יַחֲלֹק בֵּין חֶסֶד לְדִין, וִיבָרֵךְ עַל כֻּלָּם "הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב".**

[כב] בראשית ד, א.

'ידיעה שלימה' הייסט אז איך וויים אז "ה' הוא אלקים". 'ה'' איז דאך רחמים, און 'אלקים' איז דין, און אז דאס איז איינס, עס איז איין בעל הבית, איך מאך נישט קיין שום חילוק, "שלא יחלוק בין חסד לדין", אט דאס הייסט 'א גאנצע ידיעה'.

(ר' נחמן בורשטיין: דער רבי זאגט: "ויברך על כולם הטוב והמטיב". דאס מיינט אויף 'דער' וועלט? אז עס גייט אויף אים איבער א זאך דארף ער דאך מאכן דער ברכה "דיין האמת"?) **אפילו ער מאכט דער ברכה, שטייט אויך אז מען זאל דאס מאכן 'בשמחה ובטוב לבב'**[כג]. **ער איז טאקע מחוייב צו מאכן דער ברכה אז דער אויבערשטער איז א 'דיין האמת', אבער בשעת ער מאכט דער ברכה זאל ער וויסן אז דאס איז אלץ פאר זיין טובה וועגן**[כד].

**אז אַן אבל איז מחוייב דארטן אויף אבילות - דער אויבערשטער זאל אפהיטן, איז דאך אויך פארהאן דארטן א געוואלדיגע אמונה דערינען. אז די תורה הייסט מקיים זיין אבילות, איז מען מחויב דאס צו מקיים זיין, אבער די אמונה דארף זיין אזוי גאנץ אין אים אז אזוי וויל מען פון אויבן און אז אזוי דארף זיין און אז עס קען אנדערש נישט זיין - 'לטובתך'**[כה].

---

[כג] עיין שו"ע או"ח סי' רכ"ב, סעי' ג' מש"ש המחבר בזה"ל: חייב אדם לברך על הרעה **בדעת שלמה ובנפש חפצה**, כדרך שמברך **בשמחה** על הטובה, כי הרעה לעובדי השם היא שמחתם וטובתם, כיון שמקבל מאהבה מה שגזר עליו השם. **נמצא שבקבלת רעה זו הוא עובד את השם, שהיא שמחה לו.**

[כד] עיין חיי מוהר"ן אות קפ"ו מה שהתבטא רביז"ל: **אֲפִלּוּ כְּשֶׁנִּפְקָד אֶצְלִי נֶפֶשׁ חַס וְשָׁלוֹם - וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יִשְׁמְרֵהוּ מֵהַיּוֹם וּלְהַבָּא - גַּם כֵּן הוּא מְקַבֵּל בְּשִׂמְחָה גְּדוֹלָה, עַד שֶׁכָּל עִנְיְנֵי אֲבֵלוּת שֶׁצְּרִיכִין לִנְהֹג כְּגוֹן בְּכִיָּה וְכַיּוֹצֵא הוּא צָרִיךְ לְהַכְרִיחַ עַצְמוֹ לָזֶה, כִּי יֵשׁ לוֹ שִׂמְחָה גְּדוֹלָה אָז וְהַכֹּל שָׁוֶה אֶצְלוֹ כְּאִלּוּ לֹא הָיָה כְּלָל בָּעוֹלָם**, הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יִשְׁמְרֵהוּ תָּמִיד מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם.

[כה] עיין ליקוטי הלכות הל' נזיקין ה"ד, אות כ', וזל"ש: וְזֶהוּ גַּם כֵּן בְּחִינַת **חַיָּב אָדָם לְבָרֵךְ עַל הָרָעָה כְּשֵׁם שֶׁהוּא מְבָרֵךְ עַל הַטּוֹבָה** שֶׁהוּא הַתְחָלַת הַמִּשְׁנָה הַזֹּאת. כִּי **בְּוַדַּאי לְפִי דַּעְתָּם הָרָעָה שֶׁל הַמִּינִים אֵין שַׁיָּךְ לְבָרֵךְ עַל הָרָעָה מֵאַחַר שֶׁאֵין תַּכְלִית נִצְחִי חַס וְשָׁלוֹם** עַל יְדֵי זֶה הָעוֹלָם וְאִם כֵּן לָמָּה לוֹ לִסְבֹּל כָּל הַצָּרוֹת וְהָרָעוֹת שֶׁל זֶה הָעוֹלָם. **וְגַם אֲפִלּוּ עַל הַטּוֹבָה אֵין שַׁיָּךְ לְבָרֵךְ** מֵאַחַר שֶׁהוּא צֵל עוֹבֵר וְהֶעָמָל וְהַיְגִיעוֹת מְרֻבֶּה עַל הַטּוֹב הַנִּפְסָד וְהַכָּלֶה בַּזְּמַן הַפּוֹרֵחַ כְּעָנָן כָּלֶה וְכוּ'. וְעַל כֵּן בֶּאֱמֶת כָּל חַיֵּיהֶם שֶׁל אֵלּוּ הַהוֹלְכִים בְּדַרְכֵיהֶם אֵינוֹ חַיִּים כְּלָל, כִּי תֵּכֶף כְּשֶׁעוֹבֵר עֲלֵיהֶם אֵיזֶה רָעָה אֵין לָהֶם בַּמֶּה לְהַחֲיוֹת אֶת עַצְמָם (וְכַמְבֹאָר בִּדְבָרֵינוּ בְּמָקוֹם אַחֵר, עַיֵּן שָׁם **שֶׁמִּי שֶׁיֵּשׁ לוֹ אֱמוּנָה רַק הוּא יֵשׁ לוֹ חַיִּים וְחַיָּיו טוֹבִים מְאֹד** וְכוּ', עַיֵּן שָׁם). אֲבָל אֲנַחְנוּ הַמַּאֲמִינִים בִּשְׁנֵי עוֹלָמוֹת שֶׁעִקַּר הַתַּכְלִית הוּא לָעוֹלָם הַבָּא בְּוַדַּאי אָנוּ מַאֲמִינִים שֶׁכָּל מְאֹרְעוֹתֵינוּ הֵם לְטוֹבָתֵנוּ. וְעַל כֵּן חַיָּבִים לְבָרֵךְ עַל הָרָעָה **בְּשִׂמְחָה** כְּשֵׁם שֶׁמְּבָרְכִים עַל הַטּוֹבָה. כִּי הַכֹּל לְטוֹבָה כָּל מַה שֶּׁעוֹבֵר עַל הָאָדָם כָּל יְמֵי חַיָּיו הֵן טוֹב הֵן רַע, כִּי הַכֹּל כְּדֵי שֶׁיִּזְכֶּה עַל יְדֵי זֶה

לכתחילה, איידער דער איבערגייעכץ, האב איך רשות צו בעטן דעם אויבערשטן, איך קען מאכן אנדערע כלים אז דער אויבערשטער זאל זיך קענען מיט מיר פירן אָן דעם צמצום, אָן דער גבורה, אבער אז עס איז שוין געווארן, מוז אזוי זיין, עס קען אנדערש נישט זיין[כ].

און ווייטער, דו קענסט דאך ווייטער בעטן דעם אויבערשטן, תפילה מאכט כלים, דאס איז א געוואלדיגע זאך, א געוואלדיגע בקיאות, א מענטש זאל זיין תמיד פריילך צום אויבערשטן.

ר' נחמן ר' עוזר'ס איז דאך געווען א יתום [ער ליגט אין טעפליק - זיינע קינדער האבן געוואוינט אין טעפליק], ר' עוזר איז דאך נפטר געווארן יונגערהייט נאך אין די צייטן פון רבי נתן'ען, איז געבליבן א אינגעלע - ר' נחמן איז נאך געווען דעמאלט א קליין קינד, האט אים רבי נתן גענומען צו זיך, ממש ער האט אים מגדל געווען. [קען זיין, א שיטה, ער האט נישט געגעסן ביי רבי נתן'ען. אבער דער עיקר, רבי נתן האט אים מגדל געווען]. אז ער פלעגט קומען צו רבי נתן'ען און רבי נתן איז ערגעץ צוגעגאנגען, איז ער מיטגעגאנגען.

האט ר' נחמן ר' עוזר'ס דערציילט, אמאל איז ער געגאנגען מיט רבי נתן'ען ביי איינעם מנחם אבל זיין, האט מען רבי נתן'ען דערציילט אז די חברייא פון דעם בעל שם הקדוש זענען אמאל געגאנגען איינעם מנחם אבל זיין, נו, זענען זיי אריינגעקומען, האט מען אנגעהויבן רעדן פונעם בעל שם, האט מען אזוי גערעדט

---

לְהַשָּׂגוֹת אֱלֹקוּת שֶׁהוּא חַיֵּי עוֹלָם הַבָּא לָנֶצַח, כִּי כָּל מַה שֶּׁמְּסַבֵּב ה' יִתְבָּרַךְ עִם הָאָדָם בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּל יְמֵי חַיָּיו הַכֹּל רַק בִּשְׁבִיל הַתַּכְלִית הָאֲמִתִּי הַנִּצְחִי הַזֶּה.

[כ] עיין מזה בליקוטי הלכות הל' מילה ה"ה, אות ד', מה שהקשה בזה שם בזה"ל: **לִכְאוֹרָה קָשֶׁה, מֵאַחַר שֶׁבֶּאֱמֶת כָּל מַה שֶּׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עוֹשֶׂה עִם הָאָדָם הַכֹּל הוּא לְטוֹבָתוֹ, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה שֶׁצָּרִיךְ הָאָדָם לוֹמַר כָּל מַה דְּעָבְדִין מִן שְׁמַיָּא לְטָב עָבְדִין, אִם כֵּן לָמָּה צִוָּנוּ ה' יִתְבָּרַךְ לְהִתְפַּלֵּל עַל הַצָּרָה, רַחֲמָנָא לִצְלָן, הֲלֹא כָּל הַיִּסּוּרִין וְהַצָּרוֹת חַס וְשָׁלוֹם, הֵם טוֹבוֹת גְּדוֹלוֹת בֶּאֱמֶת לְזַכּוֹתוֹ עַל יָדָם לְחַיִּים נִצְחִיִּים?** - עיין שם בפנים מה שתירץ על זה. וכמו כן מצינו זה אצל דוד המלך שעשה כן כשחלה בנו, כי עד שלא מת בנו לא שקט מלהתפלל, וכשמת אז תיכף "ויקם דוד מהארץ וירחץ ויסך ויחלוף שמלתיו ויבא בית ה' וישתחו" וכו' כמבואר היטב בנ"ך (שמואל-ב יב), עיין שם.

אז מען האט פארגעסן אז מען איז ביי אַן אבל אין שטוב, אז זיי זענען ארויס טאנצן... און דער אבל איז אויך אריין טאנצן - דער אבל האט פארגעסן אז ער איז אַן אבל...

האט רבי נתן זיך אנגערופן: "**אז מען רעדט פונעם רבי'ן, קען אויך אזוי זיין!**".

אזוי האט רבי נתן געזאגט ווען מען האט אים דאס דערציילט: "נו, אז מען רעדט פונעם רבי'ן, קען אויך אזוי זיין אז מען זאל פארגעסן וואו מען איז!".

אז מען האט א התקשרות צום אמת, צום אויבערשטן, און מען רעדט פון די דיבורים, קען מען ממש פארגעסן אינגאנצן - -

(ר' נחמן: רבי נתן האט דעמאלט געזאגט עפעס: "בשעה שהקדוש ברוך הוא זוכר את בניו"?) **יא** יא, "זוכר את בניו ששרויים בצער"[כז] - -

## "שומר 'מצרעת' נפשו"

דער רבי זאגט[כח]: ["וזה נקרא: 'ה' אחד ושמו אחד']. ווייל 'אחד' באטרעפט 'אהבה'. און 'שמו' איז מלכות, (כמו שכתוב:) "וַיַּעַשׂ דָּוִד שֵׁם". קומט אויס, "ה' ושמו" איז אלץ "אחד", דאס איז אלץ מחמת די אהבה וואס דער אויבערשטער האט דיר ליב - דאס איז א געוואלדיגע בקיאות.

---

[כז] עיין שיש"ק (חדש) ח"ג, אות שס"ח: גם ניחם אז מוהרנ"ת את האבלים ע"פ מאמר רז"ל (ברכות נט.) "בשעה שהקב"ה זוכר את בניו ששרויים בצער בין אומות העולם מוריד שתי דמעות לים וכו'" (וראה ליקוטי קמא סי' רנ), ופירש זאת באופן זה, שמה שזוכר הקב"ה את בניו - הוא מחמת שהן שרויין בצער, כי נשלטים ע"י האומות, ומחמת צערם נזכר בהם להושיעם; והתכוון לנחם בזה את האבלים, שמחמת שהם שרויים עתה בצער, על כן בודאי יזכרם הקב"ה לטובה.

[כח] שם בהמשך: וְזֶה נִקְרָא: "ה' אֶחָד וּשְׁמוֹ אֶחָד" כְּמַאֲמַר חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, שֶׁלֶּעָתִיד יִהְיֶה אַחְדוּת גָּמוּר, שֶׁיִּהְיֶה כֻּלּוֹ הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב. וְזֶה ה' אֶחָד. וּשְׁמוֹ זֶה בְּחִינַת אֱלֹקִים מַלְכוּת, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שְׁמוּאֵל ב' ח): "וַיַּעַשׂ דָּוִד שֵׁם". אֶחָד גִּימַטְרִיָּא אַהֲבָה. **הַיְנוּ הֵן ה' שֶׁהוּא רַחֲמִים, הֵן שְׁמוֹ שֶׁהוּא בְּחִינַת אֱלֹקִים, בְּחִינַת דִּין, כֻּלָּם לְטוֹבָתְךָ מֵחֲמַת אַהֲבָה שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אוֹהֵב אוֹתְךָ**, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (מִשְׁלֵי ג): "אֶת אֲשֶׁר יֶאֱהַב ה' יוֹכִיחַ" וּכְתִיב (עָמוֹס ג): "רַק אֶתְכֶם יָדַעְתִּי מִכֹּל מִשְׁפְּחוֹת הָאֲדָמָה, עַל כֵּן אֶפְקוֹד עֲלֵיכֶם עֲווֹנוֹתֵיכֶם".

אפילו בשעת א מענטש איז (בצער) איז פארהאן אזעלכע נארישע טרערן וואס דער מענטש וויינט. די טרערן וואס א מענטש וויינט דארף אלץ זיין מיט א (תקוה ושמחה)[כט]. ביים אויבערשטן איז זייער חשוב טרערן, אבער עס איז דא אזעלכע טרערן אויף וואס דער רבי זאגט[ל] אז עס איז גאר פון מרה שחורה - 'ממותרי המרה שחורה'.

זאגט דער רבי[לא]: "די עוונות פונעם מענטש זענען אים 'על עצמותיו'". צו דעם דארף מען אלץ האבן אמונה, אָן אמונה איז גארנישטא. אז מען טוהט עפעס אַן עוון - וואספארא עוון עס זאל נאר נישט זיין, סיי אַן עוון ממש, צו סיי אז ער איז דארטן פוגם אין די אויגן, ער איז פוגם אין דעם געדאנק, אין דעם דיבור, ווערט דאס אויסגעקריצט אויף די ביינער, (כמו שכתוב:) "וַתְּהִי עֲוֹנֹתָם חֲקוּקָה עַל עַצְמוֹתָם". מיר זעהען דאס נישט, אבער אזוי איז עס.

דער מדרש[לב] זאגט אויפן פסוק[לג]: "שֹׁמֵר פִּיו וּלְשׁוֹנוֹ, שֹׁמֵר מִצָּרוֹת נַפְשׁוֹ" - 'שומר מצרעת נפשו'. פארוואס? ווייל דער עונש פון לשון הרע איז דאך נגעים, נאר

---

[כט] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' קע"ה: **עִקַּר מַעֲלַת הַבְּכִיָּה הוּא כְּשֶׁהִיא מֵחֲמַת שִׂמְחָה וְחֶדְוָה.** וַאֲפִלּוּ' הַחֲרָטָה טוֹב מְאֹד שֶׁתִּהְיֶה מֵחֲמַת שִׂמְחָה, שֶׁמֵּרֹב שִׂמְחָתוֹ בְּהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, הוּא מִתְחָרֵט וּמִתְגַּעְגֵּעַ מְאֹד עַל שֶׁמָּרַד נֶגְדּוֹ בַּיָּמִים הָרִאשׁוֹנִים, וּמִתְעוֹרֵר לוֹ בְּכִיָּה מֵחֲמַת רֹב הַשִּׂמְחָה, וכו' עיין שם. גם עיין שיחות הר"ן אות מ"ב: **עַצְבוּת הוּא כְּמוֹ מִי שֶׁהוּא בְּכַעַס וּבְרֹגֶז כְּמוֹ שֶׁמִּתְרַעֵם וּמִתְלוֹנֵן עָלָיו יִתְבָּרַךְ חַס וְשָׁלוֹם, עַל שֶׁאֵינוֹ עוֹשֶׂה לוֹ רְצוֹנוֹ. אֲבָל לֵב נִשְׁבָּר הוּא כְּבֵן הַמִּתְחַטֵּא לִפְנֵי אָבִיו כְּתִינוֹק שֶׁקּוֹבֵל וּבוֹכֶה לִפְנֵי אָבִיו עַל שֶׁנִּתְרַחֵק מִמֶּנּוּ** וְכוּ' וְעַיֵּן בְּמָקוֹם אַחֵר מִזֶּה.

[ל] ליקוטי מוהר"ן סי' נ"א.

[לא] שם בהמשך אות ה', וזל"ש: **וַעֲוֹנוֹתָיו שֶׁל אָדָם הֵם עַל עַצְמוֹתָיו**, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (יְחֶזְקֵאל ל; "ב): "**וַתְּהִי עֲוֹנֹתָם חֲקוּקָה עַל עַצְמוֹתָם". וְכָל עֲבֵרָה יֵשׁ לָהּ צֵרוּף אוֹתִיּוֹת, וּכְשֶׁעָבַר אֵיזֶה עֲבֵרָה, אֲזַי נֶחְקָק צֵרוּף רַע עַל עַצְמוֹתָיו וְעַל יְדֵי זֶה מַכְנִיס בְּחִינַת הַדִּבּוּר שֶׁל הַלָּאו הַזֶּה שֶׁעָבַר בְּתוֹךְ הַטֻּמְאָה.** הַיְנוּ שֶׁמַּכְנִיס בְּחִינַת מַלְכוּת, שֶׁהוּא בְּחִינַת דַּבָּר אֶחָד לַדּוֹר, הוּא מַכְנִיס אוֹתָהּ בְּתוֹךְ הָעַכּוּ"ם, וְנוֹתֵן לָהֶם מֶמְשָׁלָה. לְמָשָׁל, אִם עָבַר עַל דִּבּוּר שֶׁל הַלָּאו **לֹא יִהְיֶה לְךָ** אֲזַי מַחֲרִיב הַצֵּרוּף הַטּוֹב שֶׁל הַדִּבּוּר, וּבוֹנֶה צֵרוּף רַע, וְנֶחְקָק הַצֵּרוּף הַזֶּה עַל עַצְמוֹתָיו, וְנוֹקֵם בּוֹ. כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (יִרְמְיָהוּ ה): "עֲוֹנוֹתֵיכֶם הִטּוּ אֵלֶּה", וּכְתִיב (תְּהִלִּים ל"ד): "תְּמוֹתֵת רָשָׁע רָעָה". **וְעַל יְדֵי וִדּוּי דְּבָרִים יוֹצֵא מֵעַצְמוֹתָיו הָאוֹתִיּוֹת הַחֲקוּקִים עֲלֵיהֶם, וְנַעֲשֶׂה מֵהֶם הַדִּבּוּר שֶׁל הַוִּדּוּי.** כִּי הַדִּבּוּר יוֹצֵא מֵעַצְמוֹתָיו, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שָׁם ל"ה): "כָּל עַצְמֹתַי תֹּאמַרְנָה". וּמַחֲרִיב הַבִּנְיָן וְהַצֵּרוּף הָרָע, וּבוֹנֶה מֵהֶם מַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה.

[לב] תנחומא מצורע פר' ב'.

[לג] משלי כא, כג.

דער אויבערשטער גיט היינט נישט קיין נגעים ווייל מען קען זיך נישט מטהר זיין, מען מוז דאך האבן דארטן די טהרה פון די צפרים און מען קען דאך נישט, איז אויף א זאך וואס קען בשום אופן נישט זיין קיין טהרה, גיט נישט דער אויבערשטער איצטער דעם עונש. אבער דער נפש ווערט יא א מצורע - דער חפץ חיים ברענגט עס[לד]. ער שרייט דאך געוואלדיג אז דורך לשון הרע ווערט אין דעם נפש א נגע, מען זעהט עס טאקע נישט אבער מען דארף גלויבן אז אזוי איז עס.

דער רבי זאגט: "'ועוונותיו של אדם הם על עצמותיו'. און יעדע עבירה האט זיך איר צירוף אותיות. 'וכשעובר איזה עבירה' ווערט אויסגעקריצט דער 'צירוף רע על עצמותיו'". אזוי (סתם) שטייט דאך אין דער תורה א צירוף - 'דו זאלסט נישט טוהן דער זאך', אבער אז ער איז עובר די עבירה, מאכט ער אַן אנדער צירוף, עס ווערן אנדערע צירופים, און דאס ווערט אויסגעקריצט אויף זיינע ביינער.

דער רבי זאגט: דורך דעם וואס ער איז עובר אויף א לאו פון דער תורה, נעמט ער דעם דיבור פון דעם לאו וואס איז דאך געווען א צירוף אז מען זאל דאס נישט טוהן, און ער קערט דאס איבער און מאכט דערפון א 'צירוף רע' וואס דורך דעם נעמט ער אריין דעם לאו אין דער טומאה אריין. יעדער דיבור פון דער תורה איז דאך מלכות, איז ער נעמט אריין דעם דיבור, דער מלכות, אין דער טומאה אריין, אין די עכו"ם, ער גיט זיי ממשלה.

## אז מען גיט זיך נאר א ריר אוועק פון אויבערשטן...

דער רבי זאגט דארט, למשל אז ער האט עובר געווען אויפן לאו "לא יהיה לך". ר' אברהם ר' נחמן'ס זאגט[לה], פארוואס כאפט דער רבי אָן פונקט "לא יהיה לך אלהים אחרים"? זאגט ער, ווייל אויף סיי וואספארא לאו מען איז עובר, הייסט עס 'אלהים אחרים'. ווייל 'אנכי' איז דאך כלול פון אלע מצוות 'עשה', און 'לא יהיה לך' - פון אלע מצוות 'לא תעשה'.

---

[לד] בשמירת הלשון ח"א - שער הזכירה, פרק ו'.

[לה] עיין ביאור הליקוטים על מאמר זה בקטע המתחיל: "ולבאר יותר בכל זה" וכו'.

דער רבי האט פריער געזאגט אז זיי האבן דער עיקר יניקה פון דעם שם אלקים. איז וויבאלד איך בין עובר אויף א לאו, נעם איך די דיבורים פון דעם לאו וואס איז געווען פריער א צירוף טוב אויף נישט (צו טוהן), נעם איך עס אריין און איך מאך דערפון 'אלהים אחרים'. דאס איז ביי סיי וואספארא לאו עס זאל נישט זיין [- עס איז דאך א דיבור פון דער תורה, און דיבור איז דאך מלכות], אז ער איז עובר אויף דעם דיבור, אויף מלכות, האבן זיי שוין א יניקה, ווערט שוין 'אלהים אחרים', עס ווערט א צירוף פון 'אלהים אחרים' רחמנא ליצלן.

(ר' נחמן: "וסרתם - ועבדתם") **יא - איז שוין אויך א "ועבדתם אלהים אחרים"**[לו].

דער רבי עפנט אונז אויף די אויגן, אלעס זעהט מען ארוים. ווייל (ווען נישט) איז דאך א געוואלדיגע קשיא, פארוואס האבן זיי נישט קיין יניקה פון קיין אנדער שם נאר פון דעם שם.

דערפאר טאקע, פרעה האט נאר געוואוסט פון אלקים, פון דעם שם ה' האט ער גארנישט געוואוסט[לז]. ווייל זיי האבן א יניקה פון דעם שם אלקים. אלקים איז דינים. אז מען טיילט אפ דעם דין פונעם אויבערשטן, האבן זיי שוין א יניקה, איז דא 'אלהים אחרים'.

דער רבי זאגט: "**ונחקק הצירוף הזה על עצמותיו ונוקם בו**" - די אותיות אליין זענען זיך נוקם אין אים פארוואס ער האט געמאכט דעם שלעכטן צירוף, (כמו

---

[לו] עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ס"ב: **וּכְמוֹ שֶׁמּוּבָא** (בְּשֵׁם הַבַּעַל שֵׁם טוֹב) **עַל פָּסוּק** (דברים י"א): **"וְסַרְתֶּם וַעֲבַדְתֶּם אֱלֹקִים אֲחֵרִים", שֶׁתֵּכֶף כְּשֶׁסָּרִים מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הוּא בְּחִינַת עֲבוֹדָה זָרָה.** גם עיין ליקוטי הלכות הל' פסח ה"ט, אות כ"ד: **כָּל הַחֲטָאִים הֵם בְּחִינַת עֲבוֹדָה זָרָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב, "וְסַרְתֶּם וַעֲבַדְתֶּם אֱלֹהִים אֲחֵרִים וְכוּ'". וְעַל כֵּן בְּמַאֲמָר "לֹא יִהְיֶה לְךָ אֱלֹהִים וְכוּ'", כְּלוּלִים כָּל הַלֹּא תַעֲשֶׂה, כַּמּוּבָא שֶׁאָנֹכִי כּוֹלֵל כָּל הַמִּצְווֹת עֲשֵׂה וְלֹא יִהְיֶה לְךָ כּוֹלֵל כָּל הַלֹּא תַעֲשֶׂה.**

[לז] עיין דגל מחנה אפרים פר' בא, ד"ה "ויושב": איתא בזוה"ק פרשת בשלח **שפרעה לא ידע כלל מן שם הוי"ה ב"ה שהוא משדד המערכות והוא שולט למעלה מן דרך הטבע רק ידע משם אלקים שהוא מספר הטבע**, ובדרך הטבע מעולם לא יצא עבד ממצרים מבית האסורים כמאמרם ז"ל (מכילתא י"ח, י"א). והוא שאמר **לא ידעתי את ה'** ולכך **וגם את ישראל לא אשלח.**

שכתוב:) **"עֲוֹנֹתֵיכֶם הִטּוּ אֵלֶּה"**, (וכתיב:) **"תְּמוֹתֵת רָשָׁע רָעָה"**. אבער דורך וידוי דברים גייט דאס ארויס פון די ביינער.

מען דארף האבן אמונה הקדושה אז עס ליגט אין די ביינער א שלעכטער צירוף רח"ל, און אז דורך וידוי דברים גייט דאס ארויס און עס גייט אריין אין די דיבורים וואס ער רעדט.

פון דער תורה קומט אויס, דאס איז די תשובה, עס העלפט נישט קיין אנדערע תשובה, ער מוז האבן וידוי דברים[לח]; אזוי ווי דער פגם איז דאך געווארן ווייל ער האט גענומען די דיבורים פון דער תורה און געמאכט דערפון א שלעכטן צירוף, אזוי מוז דאס אויך ארויסגיין דורך דיבורים; "קחו עמכם דברים" - אז איר וועט נעמען די 'וידוי דברים', וועט איר ארויסנעמען דער מלכות פון זיי - "ושובו אל ה'".

❖

## דו דארפסט מיר נישט זאגן, ער האט מיר שוין אליין דערציילט...

דער רבי ברענגט ווייטער[לט], פארוואס הייסט אַן 'עבירה' - 'עבירה'? ווייל עס גייט דורך די אותיות 'מעֵבר אל עֵבר'. און 'מצוה' איז א לשון פון 'התחברות'. דער רבי ברענגט דעם מדרש[מ], אז א מענטש זאל טוהן "חבילות חבילות של מצוות" וואס דעמאלט ווערט נתחבר 'שברי עצמותיו'. (ולכאורה קשה:) דער רבי רעדט דאך דא

---

[לח] וכמו שמסכם מוהרנ"ת זצ"ל מאמר הנ"ל בליקוטי עצות ערך 'תשובה', וזל"ש: **עִקַּר הַתִּקּוּן שֶׁל כָּל הָעֲווֹנוֹת** הוּא עַל־יְדֵי הַצַּדִּיק הָאֱמֶת. **וּמִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לְאַחֲרִית טוֹב לָנֶצַח** צָרִיךְ לְהִשְׁתַּדֵּל **בְּכָל כֹּחוֹ** לְהִתְקָרֵב לְצַדִּיקֵי אֱמֶת וְתַלְמִידֵיהֶם, וִיסַפֵּר לִפְנֵי הַצַּדִּיק כָּל לִבּוֹ, הַיְנוּ **וִדּוּי דְּבָרִים**, וְעַל יְדֵי זֶה **מוֹחֲלִין לוֹ כָּל עֲווֹנוֹתָיו** ... וְעַל־יְדֵי וִדּוּי דְּבָרִים לִפְנֵי הַתַּלְמִיד חָכָם יוֹצְאִים מֵעַצְמוֹתָיו הָאוֹתִיּוֹת הַחֲקוּקִים עֲלֵיהֶם **וְנִתְתַּקֵּן הַכֹּל**.

[לט] שם בהמשך, אות ו', וז"ל: **וְזֶה לְשׁוֹן עֲבֵרָה, שֶׁהַצֵּרוּף שֶׁל עֲבֵרָה עוֹבֵר בְּתוֹךְ עַצְמוֹתָיו, מֵעֵבֶר אֶל עֵבֶר. וּמִצְוָה לְשׁוֹן הִתְחַבְּרוּת, כְּשֶׁעוֹשֶׂה חֲבִילוֹת חֲבִילוֹת שֶׁל מִצְוֹת** (וַיִּקְרָא רַבָּה כא), אֲזַי נִתְחַבְּרוּ שִׁבְרֵי עַצְמוֹתָיו, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים ל"ד): "שׁוֹמֵר כָּל עַצְמוֹתָיו".

[מ] מדרש רבה אחרי (פר' כא, פס' ה): "כִּי בְתַחְבֻּלוֹת תַּעֲשֶׂה לְּךָ מִלְחָמָה" (משלי כד, ו). רַבִּי נָתָן וְרַבִּי אַחָא בְּשֵׁם רַבִּי סִימוֹן אָמַר, **אִם עָשִׂיתָ חֲבִילוֹת שֶׁל עֲבֵרוֹת - עֲשֵׂה כְּנֶגְדָן חֲבִילוֹת שֶׁל מִצְוֹת**.

(שהתיקון הוא) 'וידוי דברים', און דא ברענגט דער רבי א מדרש (שהתיקון הוא) "עשה חבילות חבילות של מצוות"? וואס דען, נאר עס קומט אזוי אויס פון דאנעט, אויב איך האב פארן אויבערשטן וידוי דברים, רעד איך דאך ארויס פארן אויבערשטן די אלע פגמים, ווערט דערפון 'חבילות חבילות של מצוות'. פון די וידוי דברים וואס מען רעדט ארויס פארן אויבערשטן, פון די אלע זאכן ווערט 'חבילות של מצוות', ווייל אויב יעדע זאך דערצייל איך דעם אויבערשטן, ווערט פון יעדער זאך א מצוה, עס גייט ארויס דער צירוף רע און עס ווערט א צירוף טוב, איז דאס טאקע ממש 'חבילות חבילות של מצוות'.

דאס איז די גרויסקייט פון וידוי דברים, ווייל אז איך דערצייל דעם אויבערשטן - מיט התקשרות צו דעם אמת'ן צדיק[מא] - 'אזוי האב איך געטוהן' - ווערט 'חבילות חבילות של מצוות'. איך קען אפרעדן אמאל פארן אויבערשטן דיבורים - און איך באקום גאנצענע 'חבילות של מצוות'. פארוואס? ווייל איך האב ארויסגערעדט. און דורך דעם נעם איך ארויס דער מלכות פון זיי און איך קער איר אום צו דער קדושה - "ושובו אל ה'", אט דאס איז דער תיקון.

מיר ווייסן גארנישט דאס גרויסקייט פון רעדן צום אויבערשטן דיבורים!

- און לאז דאס נישט אויף שפעטער, ווארום ער קומט באלד צוגיין - דער מקטרג - 'ער האט געקוקט, ער האט גערעדט, ער האט געטראכט', (ואזי הקב"ה יכול לומר לו:) 'ער האט מיר שוין פריער דערציילט - נאך פאר דיר, איך האב דאס שוין געהערט פון אים אליין, איך דארף שוין פון דיר נישט הערן!'[מב].

א געוואלדיגע התגלות דעקט דאך דער רבי אויף דאָ וועגן דעם שם אלקים, אז וויבאלד דער שם איז פון דינים, ממילא אז עס גייט איבער דינים און מען ווייסט נישט אז עס איז 'לטובתי', נעם איך דעם שם און איך טייל אים אפ, האבן זיי שוין א יניקה פון דעם שם וואס דאס איז אינגאנצן זייער מלכות.

---

[מא] עיין פרפראות לחכמה על תורה זו, אות כ"ז.

[מב] עיין לקמן מה שביארו אנ"ש לפי זה, המאמר חז"ל "הבא להרגך - השכם להרגו".

וואס איז געווען אין מצרים? דער זוהר הקדוש זאגט[מג]: "וַיְמָרְרוּ אֶת חַיֵּיהֶם בַּעֲבוֹדָה קָשָׁה" - 'בקושיא' - מיט קשיות. אידן זענען ארומגעגאנגען מיט קשיות, 'וואס זענען מיר ערגער פון אלע אומות?' אידן, קינדער פון אברהם יצחק ויעקב - זיי זענען אין גלות, זיי ארבעטן שווער, זייערע קינדער ווארפט מען אריין אין ים. דער מדרש ברענגט[מד], מען האט אריינגעווארפן צוויי מאל ששים רבוא קינדער אין דעם טייך נילוס! 'כפליים כיוצאי מצרים' קינדער האט מען אריינגעווארפן אין טייך אריין - דערטרונקען... זענען זיי ארומגעגאנגען מיט קשיות, 'פארוואס זענען מיר ערגער פון אלע פעלקער? קיין שום פאלק ליגט נישט אין גלות - נאר אידן!?'. 'בקושיא' - זאגט דער זוהר, מען האט זיי אריינגעווארפן אין קשיות.

מצרים, פרעה, איז געווען דער מלך איבער אלע (מדינות), אלע האבן געהאט הכנעה צו מצרים. פארוואס? ווייל אז אידן זענען אריינגעפאלן אין קשיות, האבן זיי אפגעריסן דעם שם אלקים פון צו וויסן אז דאס איז פאר זייער טובה וועגן און אז דאס איז דער זיכוך זייערער וואס זיי מוזן האבן, איז טאקע די מלכות אריינגעפאלן צו זיי, ביז משה רבינו איז געקומען און עם ארויסגענומען.

[(ר' לוי"צ פונה להנוכחים:) נו, נעמט, מאכט ברכות. דער רבי זאגט דאך אז ווען מען מאכט א דיבור פארן אויבערשטן נעמט מען ארויס דער מלכות פון זיי... א ברכה - נו, נעמט, נעמט!].

## דער שעדליכער גיפט פון השכלה

דער רבי האט געזאגט טאקע[מה]: "ביי דער וועלט איז אמונה א דבר קטן, ביי מיר איז אמונה (א דבר גדול מאד!)". אויב וואו מען גיט א קוק איז אלץ טבע, ווערט מען אפגעריסן פון השגחה, מען ווערט אפגעריסן פונעם אויבערשטן; אז מען גייט ארום מיט געדאנקען פון טבע, איז מען אפגעריסן פונעם אויבערשטן.

---

[מג] תיקוני זוהר דף קמז.

[מד] מדרש רבה ויחי פר' צז, פס' ד'.

[מה] שיחות הר"ן אות ל"ג.

(אחד הנוכחים: דער רבי איז טאקע אזוי שטארק קעגן חכמות חיצוניות אז אפילו נאר די ידיעות וואס מען לערנט זיך מער פון דעם טבע, איז מען דורך דעם מער אפגעריסן פונעם אויבערשטן!) **וואס הייסט 'חיצוני'? א חוץ אלקות הייסט 'חיצוני'! 'חכמות חיצוניות'!**

**אין וואס א מענטש גיט א קוק, דארף ער האבן גרויס רחמים; וואו דער מענטש גיט זיך א ריר, זאל ער האבן א התקשרות צום אויבערשטן אז עס איז נאר השגחה, נישט קיין טבע.**

(השואל: אז א מענטש זעהט א מאשין ווי אזוי עס ארבעט, הייסט עס חכמות חיצוניות?) **אפילו איך זעה א מאשין,** (יתבונן) **די אלע חכמות איז דאך אלץ מלמעלה!**[מו].

**"האומר אין לו אלא תורה, תורה נמי אין לו"**[מז]**, די תורה הקדושה קען אויך זיין אפגעריסן פונעם אויבערשטן. דערפאר, סיי וועלכע זאך דער מענטש האט אין זיך, צו א בעל מלאכה, צו א סוחר, צו אפילו עס איז נישט עפעס אזא שכל, בשעת איך גיי און איך שטיי, מוז ער האבן א התקשרות צום אויבערשטן, מען מאכט דאך א ברכה אינדערפרי: "פוקח עורים" "זוקף כפופים"** (וכו').

**די אלע חכמות וואס עס גייט אריין אין דער וועלט, איז אלץ אים אפצורייסן פונעם אויבערשטן.**

ר' אברהם ר' נחמן'ס האט געזאגט אויף איינעם פון די גדולים (מתקופת גירוש ספרד): **"דאס איז דער מענדאַל** (מעדאל) **פונעם בעל דבר!". עס איז געווארן אסאך אפיקורסים וועגן דעם גדול [ער אליין איז געוועזן א הויכער סארט מענטש]. ווייל אז ער איז געווארן א מיניסטער, איז ער געווארן אזוי גרויס אין דער וועלט, אז די וועלט האט געקלונגען פון אים, ממילא האבן זיך אסאך גענומען לערנען און אריינגיין אין חכמות אריין, מען האט געוואלט ווערן אזוי גרויס ווי אים - און מען איז געווארן אפיקורסים.**

---

[מו] וכמו שמבואר היטב בשיחות הר"ן שיחה ה'.

[מז] יבמות קט:

"דאס איז דעם בעל דבר'ס מענדאל" - ער האט געוואונען אזא איינעם - און געמאכט אפיקורסים אסאך. דער גדול איז נישט געווען שולדיג, אבער אז ער (הבעל דבר) פּאַקט אזא מין מענטש, ווילן שוין אלע אויך ווערן אזוי (געלערנט)[מח]. ער איז געווען אַן ערליכער איד, ער איז געווען א מאמין בה', אבער נישט יעדער איינער איז זוכה דערצו. דערפאר האט דער רבי אזוי פיל גערעדט דערפון.

וואס איז דער ענין פון 'השכלה'? השכלה רייסט דאך אפ פונעם אויבערשטן, דורך השכלה איז מען נאנט ארייננצופאלן אין א געוואלדיגע טבעיות. וואס איז 'השכלה'? א מענטש וויל פארשטיין. אבער דורך דעם קען ער זיך אפרייסן פון השגחה און לעבן א טבע'דיגן לעבן - עסן איז טבע, שלאפן איז טבע, גיין איז טבע, אלעס איז ביי אים טבע. (ולהיפך,) א מענטש קען ארומגיין ממש מיט (דעם אויבערשטן), "כמה טפשאי שאר אינשי דקיימי מקמי ספר תורה ולא קיימי מקמי גברא רבה"[מט], ווייל א 'גברא רבה' איז פול מיט תורה, וואו ער גייט איז אלץ תורה. אַן אנדערער גייט מיט אויגן פון טבע, א מויל פון טבע - אלץ טבע. בכח דעם רבי'ן, און דער עיקר דורך די עצה פון 'וידוי דברים' - פון "קחו עמכם דברים", נעם איך מיט זיך דער מלכות און קער דאס אום לה', אזוי גיי איך ארוים פון טבע.

## "קינדער אין די וויגאלאך וועלן רעדן אפיקורסות!"

בעיקבתא דמשיחא איז פארהאן א געוואלדיגע התגברות אויף אמונה[נ]. פארוואס? ווייל די השגחה איז מלובש אין דער דרך הטבע. כאטש עם איז תמיד

---

[מח] נראה שהכוונה הוא על דרך מה שכתב רביז"ל בשיחות הר"ן אות רפ"ד: שָׁמַעְתִּי מֵאֶחָד שֶׁשָּׁמַע מִפִּי רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, שֶׁלִּפְעָמִים נוֹתְנִין לְאֶחָד עֲשִׁירוּת גָּדוֹל. וְכָל הָעוֹלָם מִתְקַנְּאִין בּוֹ וְרוֹדְפִין אַחַר הַמָּמוֹן וְהָעֲשִׁירוּת וּמְבַלִּים יָמִים וְשָׁנִים עַל זֶה, וְהַכֹּל מֵחֲמַת קִנְאָה וְהִסְתַּכְּלוּת שֶׁמִּסְתַּכְּלִין עַל זֶה שֶׁנִּתְעַשֵּׁר כָּל כָּךְ. וְאַחַר כָּךְ אֵין עוֹלֶה בְּיָדָם כְּלוּם. **וְכָל זֶה מַעֲשֵׂי הַבַּעַל דָּבָר שֶׁהִשְׁתַּדֵּל בָּזֶה לְהַזְמִין עֲשִׁירוּת גָּדוֹל לְאֶחָד כְּדֵי שֶׁהַרְבֵּה הַרְבֵּה יְבַלּוּ יְמֵיהֶם וּשְׁנוֹתֵיהֶם חַס וְשָׁלוֹם, עַל יְדֵי זֶה כַּנִּזְכָּר לְעֵיל.**

[מט] מכות כב:

[נ] עיין שיחות הר"ן אות ל"ה: **וְאָמַר: שֶׁהוֹלֵךְ אֶפִּיקוֹרְסוּת גָּדוֹל עַל הָעוֹלָם. וְכֵן סִפֵּר כַּמָּה פְּעָמִים שֶׁהוֹלֵךְ וְנִמְשָׁךְ אֶפִּיקוֹרְסוּת גָּדוֹל בַּעֲווֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים בָּעוֹלָם. אַשְׁרֵי מִי שֶׁיַּחֲזִיק עַצְמוֹ בֶּאֱמוּנָה בְּאֵלּוּ הָעִתִּים**, וכו' עיין שם. גם עיין שם אות ר"כ: **פַּעַם אַחַת אָמַר לְאֶחָד: אֲגַלֶּה לְךָ סוֹד, שֶׁיִּהְיֶה אֶפִּיקוֹרְסוּת גָּדוֹל**

געוועזן מלובש, אבער אזוי ווי איצטער איז נישט געוועזן, ממש מען קען אינגאנצן פארגעסן פונעם אויבערשטן - און ער איז נאך אַן ערליכער איד אויך, ער לייגט תפילין, ער דאווענט.

דער גאנצער טאג, זיין הילוך מיט וואס ער גייט און וואס ער טראכט, זאל ער גיין ממש מיטן אויבערשטן, נישט אפלאזן דעם געדאנק.

(אחד הנוכחים שואל על השיחה[נא]: "אפילו קינדער אין די וויגאלאך וועלן רעדן **אפיקורסות!**" ושואל על זה, איך שייך זאת?) עס ווערט ממילא אזוי, דער כח גייט איבער 'בזרע הילודים' פון דעם טאטן[נב].

עס שטייט פון דעם "בעל החרדים"[נג]: "דאס איז א כלל: א גוטער גארטן גיט ארויס גוטע פירות!". איי מען זעהט דאך אמאל אז נישט? איז עס א יוצא מן הכלל; אבער דער כלל איז, א גוטער גארטן גיט ארויס גוטע פירות. אזוי איז, אז דער טאטע איז פול מיט אמונה און השגחה, הויבט דאס קינד באלד פון געבוירן אָן מיט א ריינע (אמונה).

**בָּעוֹלָם. כִּי מִלְמַעְלָה יָבוֹא אֶפִּיקוֹרְסוּת בָּעוֹלָם בִּשְׁבִיל נִסָּיוֹן.** וַאֲנִי יוֹדֵעַ שֶׁאֲנָשִׁים שֶׁלִּי גַּם בְּלֹא זֶה יִתְחַזְּקוּ בֶּאֱמוּנָה בֶּאֱמֶת וְיִשָּׁאֲרוּ קַיָּמִים בֶּאֱמוּנָתָם, אַךְ אֲנִי מְגַלֶּה לְךָ זֹאת כְּדֵי שֶׁיִּתְחַזְּקוּ יוֹתֵר כְּשֶׁיִּרְאוּ שֶׁדִּבְּרוּ מִזֶּה מִקֹּדֶם. וְכַדְּבָרִים הָאֵלֶּה נִשְׁמַע מִפִּיו הַקָּדוֹשׁ כַּמָּה פְּעָמִים. וְהָיָה מִתְאַנֵּחַ מְאֹד עַל זֶה וְאָמַר: אוֹי, אֵיךְ יוּכְלוּ לַעֲמֹד אֲנָשִׁים מֻעָטִים נֶגֶד כָּל הָעוֹלָם. **וְהִנֵּה סָמוּךְ מְאֹד אַחַר הִסְתַּלְּקוּתוֹ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, רָאִינוּ בְּעֵינֵינוּ זֹאת, שֶׁתֵּכֶף הִתְחִיל לְהִתְפַּשֵּׁט אֶפִּיקוֹרְסִית גָּדוֹל בָּעוֹלָם מַה שֶּׁלֹּא הָיָה כָּזֹאת מִימֵי קֶדֶם**, וכו' עיין שם; גם עיין שם אות קכ"ו.

[נא] מובא בשיש"ק (חדש) ח"ג, אות ל"ד, משם ר' אלחנן ספעקטור ז"ל, וזל"ש: רבינו אמר: "קודם ביאת המשיח אפילו ילדים בעריסתם ידברו דברי כפירה רח"ל" - **"אפילו קינדער אין די וויגאלאך וועלן רעדן אפיקורסות!"**.

[נב] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' י"ז, אות ז'.

[נג] פרק ס"ו אות י"א: אף על פי שצריך להזדרז להוציא מחלציו זרע יעבוד את אדוניו, **ביותר צריך להזדרז להיות הוא נטע נאמן נחמד למראה בעיני ה' במעשיו הטובים, אז ייטב בעיני אדון הגן להוציא נטיעות אחרות כמוהו ממנו יהיה.** ולזה אמרו עיקר תולדותיהם של צדיקים מעשיהם הטובים, דכתיב אלה תולדות נח נח איש צדיק וגו' ואחר כך ויולד נח.

אונזערע לייט פלעגן זאגן: **"נאך פארן געבוירן דארף זיך שוין אנהויבן דער חינוך!"**. ווייל דער מח פונעם טאטן גייט אריין אין דאס קינד, ממילא אז ער ליגט אין טבע, באקומט שוין דאס קינד פון קליינערהייט אַן א מח פון טבע[נד].

דער רבי רעדט דאך אין תורה י"ד - דער צדיק מאכט "פרסה" און "פלגא"[נה]; "פרסה" - דאס איז א "פרסה שלימה", דאס הייסט, ביים צדיק אליין ווערט געבוירן א קינד וואס איז שוין גאנץ ווייל ער איז געבוירן געווארן בקדושה ובטהרה. אבער אז ער איז מקרב אַן אנדערן, איז יענער נאר "פלגא", ווייל יענער דארף נאך אראפנעמען פון זיך די 'בגדים הצואים' - אזוי זאגט דער רבי דארטן אין דער תורה "להמשיך שלום".

אז מען קומט זיך צונויף, וואס האבן מיר צו רעדן? זאל מען רעדן דיבורי אמונה! דיבורי אמונה! אז איך גיי ארום מיטן אויבערשטן, איך גיי ארום מיט אמונה, איז דאך א געוואלד! אז א מענטש פארט א וועג - איר פארט דאך באלד קיין בני ברק, קען עס זיין א וועג פון קדושה, א וועג פון תורה, א וועג פון טראכטן פון אויבערשטן!

דער רבי זאגט אין א תורה[נו], איינער קען זיצן לעבן דעם אנדערן אין גן עדן, און דער פילט אלע ש"י עולמות און דער אנדערער פילט גארנישט. וואו זעהט מען דא א חילוק? וואס איז דער חילוק צווישן דער וואס איז מקיים "בשבתך בביתך ובלכתך בדרך" צו נישט? פארקערט, דער אנדערער קען נאך דאוועגען און לערנען פון א

---

[נד] עיין שיחות הר"ן ל"ב, וז"ל: וְדַע כִּי יֵשׁ עֲבֵרוֹת שֶׁהֵם מַכְנִיסִים כְּפִירוֹת בְּאָדָם. **וְיֵשׁ שֶׁבָּאִים עֲלֵיהֶם מַחֲשָׁבוֹת עַל הָאֱמוּנָה מֵחֲמַת שֶׁלֹּא נוֹלְדוּ בִּקְדֻשָּׁה כָּרָאוּי**. וְיֵשׁ שֶׁהוֹסִיפוּ עַל זֶה מַעֲשֵׂיהֶם הָרָעִים שֶׁעָשׂוּ בְּעַצְמָם כִּי יֵשׁ עֲבֵרוֹת שֶׁהֵם מַזִּיקִים וּפוֹגְמִים אֶת הָאֱמוּנָה כַּנַּ"ל.

[נה] אות ה', וזל"ש: "**פַּרְסָה**" זֶה רֶמֶז עַל הַמְשָׁכַת הַנְּשָׁמוֹת לִבְנֵיהֶם, זֶה מְכֻנֶּה בְּשֵׁם **פַּרְסָה שְׁלֵמָה**. וְהִתְנוֹצְצוּת שֶׁהַנְּשָׁמוֹת מִתְנוֹצְצִין וּמְאִירִין וּמְעוֹרְרִין אֶת הַפּוֹשְׁעֵי יִשְׂרָאֵל בִּתְשׁוּבָה וּמוֹלִידִין נִשְׁמוֹת גֵּרִים זֶה מְכֻנֶּה בְּשֵׁם **פַּלְגָּא**, כִּי עֲדַיִן רְחוֹקִים מֵהַקְּדֻשָּׁה מְאֹד וְיָכוֹל לִהְיוֹת לָהֶם מְנִיעוֹת רַבּוֹת, וְצָרִיךְ לָהֶם יְגִיעוֹת רַבּוֹת כְּדֵי לְהַפְשִׁיט מֵהֶם **הַבְּגָדִים צוֹאִים** שֶׁהִלְבִּישׁוּ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (זְכַרְיָה ג): "הָסִירוּ הַבְּגָדִים הַצֹּאִים", כִּי אֵלּוּ הַבְּגָדִים הַצּוֹאִים הֵם מוֹנְעִים אוֹתָם מִלַּחֲזֹר לַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, וְהֵם מַפְסִיקִים כְּמוֹ נָהָר הַמַּפְסִיק, שֶׁאִי אֶפְשָׁר לַהֲלֹךְ דֶּרֶךְ אוֹתוֹ הַנָּהָר, וְצָרִיךְ לְהַשְׁלִיךְ הַבְּגָדִים הַצּוֹאִים.

[נו] ליקוטי מוהר"ן סי' קצ"א.

ספר אויך? נאר אריינגעמען דער אמונה אין אלע מאורעות וואס אויף אים גייט איבער - פון דעם רעדט דער רבי.

ווייל דער רבי רעדט פון רעדן דיבורים צום אויבערשטן, וואס דורך דעם ווערט ער מקושר צום אויבערשטן מיט יעדער זאך, ווייל אז ער זאל כאפן א קוק וואו מען דארף נישט און ער דערציילט עס פארן אויבערשטן, ממילא רעדט ער דאך שוין פון זיין רְאִיה, זיין ראיה האט שוין עפעס שייכות מיטן אויבערשטן, און אזוי אויך אז דער דיבור איז נישט 'אזוי' און ער רעדט דאס ארויס פארן אויבערשטן, צו אַן אנדערע זאך דארטן.

## "שְׂפַת אֱמֶת תִּכּוֹן לָעַד"

אט דאס איז טאקע די גרויסקייט וואס דער רבי רעדט אין דער תורה "תקעו ממשלה"[נז], אז מלאכים וועלן דארפן פרעגן די צדיקים: "מַה פָּעַל אֵ-ל?!". די מלאכים האבן דאס נישט, זיי ליגן נאר אין השגחה, זיי זעהען נאר השגחת ה', מער זעהען זיי נישט פאר זיך, זיי האבן נישט קיין זאך וואס זאל זיי אפרייסן פון דעם אויבערשטן, זיי ווערן פארברענט פאר גרויס התרגשות פון אלקות. מיר זענען דאך אין אזא מין וועלט וואס וואו מען גיט זיך א ריר איז אלץ אפצורייסן פונעם אויבערשטן, דער הילוך פון דעם הימל מיט די מזלות איז אויך 'טבע'.

עס ווערט געבראכט אויפן פסוק[נח]: "וְחָפְרָה הַלְּבָנָה וּבוֹשָׁה הַחַמָּה"; לעתיד וועט זיין אזא מין התגלות אלקות פון דער לבנה מיט דער חמה, אז די איצטיגע חמה און לבנה וועלן זיך שעמען. דאס איז נישט נאר פשט - די 'עובדי' הלבנה און די 'עובדי' החמה. נאר בפשיטות טאקע, די כוכבים ומזלות וואס פירן איצטער און זיי זענען

---

[נז] ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' א', אות א', וזל"ש: **כִּי אִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי נִבְרָא, שֶׁיִּהְיֶה לוֹ מֶמְשָׁלָה עַל הַמַּלְאָכִים, וְזֶה הַתַּכְלִית וְהַסּוֹף שֶׁל יִשְׂרָאֵל**, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (יְרוּשַׁלְמִי שַׁבָּת פֶּרֶק ב'): 'עֲתִידִין צַדִּיקִים, שֶׁיִּהְיֶה מְחִצָּתָן לִפְנִים מִמַּלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת', שֶׁנֶּאֱמַר: "כָּעֵת יֵאָמֵר לְיַעֲקֹב וּלְיִשְׂרָאֵל מַה פָּעַל אֵל", **שֶׁהַמַּלְאָכִים יִצְטָרְכוּ לִשְׁאֹל מִיִּשְׂרָאֵל, כְּשֶׁיִּרְצוּ לֵידַע מַה פָּעַל אֵל.** וְצָרִיךְ כָּל אֶחָד לִרְאוֹת, שֶׁיָּבוֹא לְזֶה הַתַּכְלִית, שֶׁיִּהְיֶה לוֹ מֶמְשָׁלָה עַל מַלְאָכִים.

[נח] **ישעי' כד, כג.**

דאך אזוי פארדעקט, וועט לעתיד ווערן אזא מין התגלות אלקות אז עס וועט זיין א בושה וואס ביז איצטער האט מען זיי געמאכט פאר א גאנצע (עבודה זרה).

אין זוהר פון פרשת כי תשא שטייט טאקע[נט], איינער א הגמון איז אמאל געקומען צו ר' אלעזר'ן און האט אים געזאגט, 'איר זאגט דאך אז ביי אייך איז דער אמת און ביי אונז איז דער שקר, [והרי כתוב[ס]: "שפת אמת תיכון לעד, ועד ארגיעה לשון שקר"], און דערוויל, ביי אייך איז געווען אַן אמת'ע מלכות בלויז עטליכע יאר - דוד המלך, שלמה המלך - היינט האט איר גארנישט, זעהט איר דאך אז ביי אייך איז גארנישט פארהאן, ווייל אויב ביי אייך איז דער אמת וואלט איר געדארפט האבן עפעס א מלכות אלע יארן. האט אים ר' אלעזר געזאגט, 'ווען עס זאל ווען שטיין "שפת אמת כוננת" - דו האסט אנגעגרייט דעם אמת, האסטו טאקע געפרעגט א גוטע קשיא, אבער עס שטייט דאך "שפת אמת תיכון" - עס וועט שיינען דער אמת - 'לעתיד', איז ווען עס וועט זיין דאס התגלות אלקות, דעמאלט וועט מען זעהן דעם אמת, אבער איצטער איז עס פארדעקט'.

ברענגעט טאקע דער זוהר דארט, דער הגמון האט זיך מגייר געווען... ער האט אים גוט אפגעענטפערט.

❖

## א 'בעל גאוה'ניק' איז דער וואס שטייט 'נישט' אויף קיין חצות!

דער אור פונעם רבי'ן איז אוודאי אַן אור אמת, נאר זייער נעלם און זייער פארדעקט. דערפאר טאקע איז דא דערויף א געוואלדיגע העלמה, מען ווייסט נישט דערפון פון רעדן דיבורים צום אויבערשטן, מען ווייסט נישט אז יעדע זאך דארף האבן א התקשרות צום אויבערשטן, ליגט מען אין טבע.

---

[נט] דף קפ"ח; ועיין עוד שם בפנים מה שדרש על פסוק זה לענינינו בענין שלעתיד לא יכלה הקב"ה את המאורות והכוכבים, אלא אותם שעבדו להם.

[ס] משלי יב, יט.

דער אור האמת איז נעלם, דאס איז דער אור פונעם רבי'ן וואס איז זייער נעלם!

דער רבי האט דאך אונז געגעבן א זאך. די וועלט זאגט טאקע אויף אונז, 'איר האט זיך גענומען אזעלכע זאכן וואס צדיקים דארפן גיין מיט דעם - חצות און התבודדות, וואס האט דאס א שייכות צו אייך? דאס איז אַן עבודה פאר צדיקים, וואס כאפט איר זיך אָן אין חצות? א בעל גאוה איז דאס, ער טוהט זיך אזעלכע גרויסע זאכן וואס איז נישט שייך צו אים, אזעלכע עצות האבן נאר אמאליגע צדיקים געהאט'...

דער תירוץ איז, דער רבי האט געזעהן אז בעיקבתא דמשיחא איז דא אזא מין התגברות, אז מען מוז נעמען די רפואות פשוט אויף צו זיין א מאמין בה'!

כדי צו האבן אמונה און נישט ארייַנפאלן אין טבע מוז מען האבן די עצות וואס אמאל האבן נאר צדיקים געהאט!

די צדיקים האבן געהאט די רפואות אויף השגות אלקות, אבער מיר דארפן דאס האבן אויף פראסטע אמונה פשוטה, אויף פשוט נישט נכשל צו ווערן מיט קיין שלעכטן קוק, אויף נישט נכשל צו ווערן מיט קיין שלעכטן דיבור, מיט קיין שלעכטן געדאנק, דעריבער דארפן מיר טוהן אזעלכע עבודות וואס זיי האבן געטוהן אויף השגות אלקות.

נאר וואס דען, אפילו דער אויבערשטער העלפט אז מען היט אפ דער צייט, דארפן מיר נאך נישט קיין טעות האבן און מיינען, 'איך בין דאך שוין אויך א צדיק - איך טוה דאך אזוי ווי די צדיקים האבן געטוהן'... - דו דארפסט האבן די עצות אויף צו ראטעווען זיך פון אזא התגברות וואס עס איז היינט דא! - אָהה, אז ער וועט זיך מער האלטן, זיין מער מורגל אין דער זאך, קען מען גיין מדרגא לדרגא, דעמאלט קען מען וואקסן.

דער רבי רעדט דאך די עצות צו יעדן איינעם; ביי דער עצה פון האבן התבודדות רעדט דאך דער רבי אפילו פון א 'גם שבגם', 'מקטן ועד גדול'[סא]. (ולכאורה) אז עס ווערט מקורב אזא איינער וואס דער שאול תחתיות איז פאר אים קארג[סב], א בעל עבירה'ניק וואס האט עובר געווען 'על כל התורה', וואס האט ער א שייכות מיט דעם? נאר דער אמת איז, ווייל ער איז אזא מין חולה, דארף מען אים געבן אזעלכע גרויסע רפואות! - אזוי זאגט דער רבי אין תורה ל'[סג]; דער גרויסער רבי גיט די רפואות.

רבי יודל[סד] איז אויך אויפגעשטאנען חצות, ר' יודל האט אויך געהאט התבודדות, און ר' יודל איז געווען ר' יודל, (איז די זעלבע סארט עצות גיט מען דען פאר דעם קלענסטן?) דער תירוץ איז, די עצות פונעם רבי'ן גייט פאר יעדן איינעם 'מקטן ועד גדול', און יעדן איינעם ראטעוועט עס אים דארטן ווי ער דארף עס. אז ער האלט זיך מער, וועט ער אוודאי ווערן שענער, ער קען נאך אויך אויסוואקסן אַן איש כשר אזוי ווי דער רבי האט געוואלט, אבער אנהויבן הויבט זיך עס אָן פשוט מיט די זאכן וואס איך וויים ביי מיר וואס מיר פעלט, וואס דער בעל דבר קאכט אין מיר, וואס דערפאר דארף איך האבן די עצות.

מיר האבן דאס געזעהן, עס איז געווען ביי אונז ממש אזעלכע מגושמ'דיגע מענטשן וואס זיי האבן גערעדט דיבורים צום אויבערשטן, זיך אויסגעוויינט די אויגן,

---

[סא] עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' כ"ה: וְדַע שֶׁכַּמָּה וְכַמָּה צַדִּיקִים גְּדוֹלִים וּמְפֻרְסָמִים סִפְּרוּ, שֶׁלֹּא בָּאוּ לְמַדְרֵגָתָם רַק עַל יְדֵי הַנְהָגָה זוֹ וְהַמַּשְׂכִּיל יָבִין מֵעַצְמוֹ גֹּדֶל מַעֲלַת הַנְהָגָה זוֹ הָעוֹלָה לְמַעְלָה לְמַעְלָה **וְהוּא דָּבָר הַשָּׁוֶה לְכָל נֶפֶשׁ מִקָּטָן וְעַד גָּדוֹל** כִּי כֻּלָּם יְכוֹלִים לִנְהֹג הַנְהָגָה זוֹ וְעַל יְדֵי זֶה יָבוֹאוּ לְמַעֲלָה גְּדוֹלָה.

[סב] עיין חיי מוהר"ן אות ש"י.

[סג] אות ב', וזל"ש: **כָּל מַה שֶּׁהַחוֹלֶה נֶחֱלֶה בְּיוֹתֵר, צָרִיךְ רוֹפֵא גָּדוֹל בְּיוֹתֵר**. עַל כֵּן אֵין לְהָאָדָם לוֹמַר: דַּי לִי אִם אֶהְיֶה מְקֹרָב אֵצֶל אִישׁ נִכְבָּד וִירֵא ה', אַף, שֶׁאֵינוֹ מֻפְלָג בְּמַעֲלָה, כִּי הַלְוַאי שֶׁאֶהְיֶה מְקֹדָּם כָּמֹהוּ. אַל יֹאמַר כֵּן, כִּי אַדְּרַבָּא, כְּפִי מַה שֶּׁיֵּדַע אֱנָשׁ בְּנַפְשֵׁהּ גֹּדֶל פְּחִיתוּתוֹ וְגֹדֶל רִחוּקוֹ שֶׁנִּתְרַחֵק מְאֹד מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, כָּל אֶחָד וְאֶחָד כְּפִי מַה שֶּׁיּוֹדֵעַ בְּנַפְשׁוֹ. וּכְמוֹ כֵן **כָּל מַה שֶּׁיּוֹדֵעַ בְּעַצְמוֹ שֶׁהוּא מְרֻחָק בְּיוֹתֵר, צָרִיךְ לְבַקֵּשׁ לְנַפְשׁוֹ רוֹפֵא גָּדוֹל מְאֹד מְאֹד, הַגָּדוֹל בְּמַעֲלָה בְּיוֹתֵר**, דְּהַיְנוּ שֶׁיַּחֲזִיר וִיבַקֵּשׁ תָּמִיד לִזְכּוֹת לְהִתְקָרֵב לְהָרַבִּי הַגָּדוֹל מְאֹד מְאֹד כַּנַּ"ל. עיין גם חיי מוהר"ן אות ש"צ משל נאה על זה מרביז"ל.

[סד] מגדולי תלמידי רביז"ל.

אויסגעוויינט דעם מויל, און זיי זענען געווארן אנשים כשרים, זיי זענען געווארן ערליכע אידן. ממילא אז ער איז שוין געווארן אַן ערליכער איד, האט ער שוין אנדערע געדאנקען, וואקסט ער שוין דארטן נאך מער און נאך מער. אבער אנהויבן הויבט זיך עס פשוט אָן אויף זיינע פראסטע מגושמ'דיגע זאכן - אים זאגט אויך דער רבי - 'האב התבודדות', 'שטיי אויף אין דעם עת רצון'.

וואס איז דער ענין פון חצות? פארוואס מאכט מען אזוי הויעך חצות? עס איז דאך (סך הכל) אַן עת רצון! אז א מענטש דארף געהאלפן ווערן, דארף ער זעהן א זמן וואס עס איז אַן עת רצון. די אייגענע תפילה וואס איך רעד, רעד איך אין אַן עת רצון. איך מוז דאך האבן עפעס אַן עת רצון, איך מוז דאך געהאלפן ווערן, "וַאֲנִי תְפִלָּתִי לְךָ ה' עֵת רָצוֹן"[סה], און דאס איז דאך אַן עת רצון.

פארקערט, אז א מענטש האלט זיך גרויס אז ביי אים איז גענוג וואס ער בעט בייטאג - דאס איז דאך א בעל גאוה'ניק! אז איך האלט זיך אבער (קליין) און איך וויים אז איך דארף האבן אַן עת רצון, איך מוז האבן אַן עת רצון, פאר מיר איז ווינציג דער זמן (פון בייטאג), איך מוז האבן עפעס אַן עת רצון, דעמאלט בין איך נענטער צום אויבערשטן.

❖

## "תחתונים נדמה להם למעלה"

הכלל, דאס דארף מען זיך גוט איינ'חזר'ן, דער רבי דאס איז דער אמת'ער געטרייער מנהיג וואס וויל יעדן איינעם א טובה טוהן. דער רבי ברענגט אין דער תורה "כי מרחמם ינהגם" ביים סוף[סו], אז 'קברו של משה', פאר די 'עליונים' האט

---

[סה] תהלים סט, יד.

[סו] ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ז', וזל"ש: "וְזֶה בְּחִינַת קְבוּרַת משֶׁה שֶׁהוּא בְּחִינַת הַמַּקִּיפִים, שֶׁהֵם טְמוּנִים מֵעֵין כֹּל. וְזֶה: 'עֶלְיוֹנִים נִדְמֶה לָהֶם לְמַטָּה וְתַחְתּוֹנִים נִדְמֶה לָהֶם לְמַעְלָה', הַנֶּאֱמָר בִּקְבוּרַת משֶׁה. כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (סוֹטָה י"ד), זֶה בְּחִינַת כֹּל הַנַּ"ל, בְּחִינַת: "כִּי כֹל בַּשָּׁמַיִם וּבָאָרֶץ", שֶׁצָּרִיךְ הַצַּדִּיק שֶׁזּוֹכֶה לְאֵלּוּ הַמַּקִּיפִים הַנַּ"ל שֶׁיִּהְיֶה לוֹ בְּחִינַת כֹּל כַּנַּ"ל, לְהַרְאוֹת לָעֶלְיוֹנִים

זיך געדאכט אז זיי זענען אונטן, און פאר די 'תחתונים' האט זיך געדאכט אז זיי זענען אויבן - אויפן קבר גייט עס ארויף. טייטשט דער רבי, דער כח פון משה איז, 'עליונים' ווייזט מען אז זיי זענען אונטן, און 'תחתונים' ווייזט מען אז זיי זענען אויבן.

ביים אנהויב איז טאקע אזוי; דער צדיק אז עס קומט צו פארן צו אים (א ווייטער מענטש), ווייזט ער אים, ער שטארקט אים, ער קוויקט אים, "דער אויבערשטער איז מיט דיר, ביי דיר, לעבן דיר!"[סז], ער קוקט ארויס אויף דיר, ער האט דיר ליב, ער וויל דיר! - די תחתונים דאכט זיך אז זיי זענען אויבן, ער ווייזט זיי ממש 'איר זענט אויבן'!

דער 'קברו של משה לאחר הסתלקותו' האט אין זיך דעם כח צו ווייזן די תחתונים אז זיי זענען אויבן, און צו ווייזן די עליונים אז זיי זענען נאך קליין, זיי זענען נאך אינגאנצן אונטן[סח].

## "השכם להרגו"

ממילא קען מען טאקע פאלגן דעם רבי'ן - "מצוה גדולה להיות בשמחה תמיד"[סט], אז דער אויבערשטער האט רחמנות געהאט אז מיר ווייסן פון אזא מין רבי'ן, פון אזא מין 'רופא נאמן', פון אזא מין געטרייער מנהיג. און ער לערנט אונז אז צו זיך ראטעווען און זיך נישט אפנארן - זאלט איר 'אזוי' טוהן, 'אזוי' זיך מרגיל זיין!

---

שֶׁהֵם לְמַטָּה, שֶׁאֵינָם יוֹדְעִים כְּלָל בִּידִיעָתוֹ יִתְבָּרֵךְ, בְּחִינַת: מָה חָמִית וְכוּ' **וּלְהֶפֶךְ, תַּחְתּוֹנִים נִדְמֶה לָהֶם לְמַעְלָה, כִּי הֵם מַשִּׂיגִים, 'שֶׁמְּלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ', בְּחִינַת: "וָאֶרְאֶה אֶת ה'"**.

[סז] עיין עלים לתרופה במכתב מיום ו' ערב שב"ק בלק ת"ר.

[סח] עיין פרפראות לחכמה על תורה זו, אות כ"ו, מש"ש: ורימז לנו כאן שממש כמו בחיים חיותו היה מאיר דעתו הקדושה לכל אחד ממקורביו כפי בחינתו, למי שהוא מבחינת הדרי מעלה היה מאיר בו ההשגה של מה בחינת איה מקום כבודו ולמי שהוא מבחינת הדרי מטה היה מאיר בו בחינת ההשגה של מלא כל הארץ כבודו וכו' **כמו כן ממש גם עכשיו יש כח זה בבחינת קבורתו של משה שמקבל משם כל אחד תועלת לנפשו כפי בחינתו בחינת עליונים נדמה להם למטה ותחתונים נדמה להם למעלה** כמבואר בפנים, והעיקר על ידי שיקיימו כאשר פקד עליהם שיחזיקו את עצמם כולם באהבה ואחדות גדול כמבואר כבר במקום אחר (חיי מוהר"ן שם ל"ד).

[סט] ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' כ"ד.

אז עס גייט עפעס איבער א זאך - דערצייל שוין דעם אויבערשטן, רעד שוין פארן אויבערשטן, ווארום ער (היצר הרע) וועט קומען, ער וועט באלד מקטרג זיין אויף דיר, "**הבא להרגך - השכם להרגו**"[ע].

עס שטייט אין דער הקדמה פון תיקונים[עא]: "**הבא להרגך**" - דאס איז דער יצר הרע, ער איז דער "**בא להרגך**", ער קומט 'בכל יום ויום' און ער איז מקטרג מיט טענות און אמתלאות אויף דיר, ער וויל דיר רחמנא ליצלן - - איז די עצה: "**השכם**".

אונזערע לייט פלעגן טייטשן: "**השכם**" - שטיי אויף פריער, פעדער זיך און גיב אים קריק. נאך איידער ער קומט - זאלסטו שוין אויפשטיין פריער, זאלסטו שוין דערציילן דעם אויבערשטן פריער. עס איז טאקע ריכטיג די זאכן וואס ער דערציילט, עס איז טאקע ריכטיגע פגמים וואס ער דערציילט, ער וועט דאך נישט זאגן קיין שקרים, אבער איך האב שוין 'פריער' דערציילט דעם אויבערשטן, איך האב שוין 'פריער' געהאט חרטה.

❖

(ר' נחמן: די וידוי וואס מען זאגט ביי שמונה עשרה פלעגן אונזערע לייט זאגן ביי יעדער שמונה עשרה?) מען פלעגט דאס זאגן נאר אינדערפרי, ביי מעריב - נישט, דאכט זיך - ביי מנחה אויך נישט, דער עיקר - נאר אינדערפרי, דעם "אנא ה', חטאתי עויתי ופשעתי לפניך" - פאר "כי אתה שומע תפילת כל פה"[עב].

❖

---

[ע] גמ' ברכות נח. ועוד.

[עא] דף ח:

[עב] עיין פרי עץ חיים שער העמידה פרק י"ט.

# אנגעגרייט צדקה פון פריער

(השואל: מען פלעגט געבן צדקה פאר מעריב?) מען פלעגט געבן צדקה פאר יעדער זאך, פארן עסן אויך[עג]. אונזערע לייט פלעגן האבן א פושקע און געבן צדקה פאר א מצוה, פארן שלאף, פארן ליינען קריאת שמע, אז מען איז אויפגעשטאנען אויף דערנאכט, פארן זיך וואשן צום עסן, פארן בענטשן - אויף ר' מיכל'ע (בן ר' יצחק בן מוהרנ"ת) זאגט מען דאס (שנהג כך)[עד].

אז מען ווייסט נישט פונעם רבי'ן איז מען ממש אזוי ווי בלינד; דער רבי זאגט דאך[עה]: "צדקה מאכט א פתח". אז א מענטש דארף גיין בענטשן, צו ער טוהט א דבר שבקדושה, און ער גיט צדקה פריער, מאכט עס אים א פתח, עס עפנט אים אויף, עס ווערט אנדערש[עו].

דאס איז אויך שווער מקיים צו זיין, אבער מען רעדט דאך, אזוי האבן מיר געזעהן, אזוי האבן זיך געפירט אונזערע לייט, אונזערע גדולים. אז עס איז אמאל אריינגעקומען צו אונזערע לייט אַן ארעמאן, איז שוין געווען א פולע שיסל מיט געלט, עס האט געקענט ארויסקומען אז מען זאל אים האבן שיין מהנה געווען, ווייל עס איז געווען צוגעגרייט.

---

[עג] עיין ליקוטי הלכות הל' ברכת הפירות ה"ד, אות ט': וְעַל כֵּן עִקַּר תִּקּוּן הָאֲכִילָה בִּקְדֻשָּׁה הוּא עַל יְדֵי צְדָקָה **כְּמוֹ שֶׁאִיתָא בַּזֹּהַר וּבְכָל הַסְּפָרִים שֶׁצְּרִיכִין לְהַפְרִישׁ צְדָקָה קֹדֶם הָאֲכִילָה** וּלְהַזְמִין לְעָנִי עַל שֻׁלְחָנוֹ. וְזֶה עִקַּר תִּקּוּן הָאֲכִילָה

[עד] עיין שיש"ק (חדש) ח"ב, אות תשי"ט.

[עה] ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ד', וזל"ש (ע"פ ספר ליקוטי עצות): **הַצְּדָקָה מַרְחֶבֶת כָּל הַפְּתָחִים שֶׁל הַקְּדֻשָּׁה**, שֶׁכְּשֶׁאָדָם נִכְנָס בְּאֵיזֶה דֶּרֶךְ וַעֲבוֹדָה מֵעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אֲזַי הוּא צָרִיךְ לִפְתֹּחַ שָׁם פֶּתַח לִכְנֹס בְּאוֹתוֹ הַדֶּרֶךְ, וּבִשְׁבִיל זֶה כָּל הַהַתְחָלוֹת קָשׁוֹת. וְעַל־יְדֵי הַצְּדָקָה מַרְחִיב הַפֶּתַח, כִּי **הַצְּדָקָה מַרְחֶבֶת וּפוֹתַחַת בְּיוֹתֵר כָּל הַפְּתָחִים שֶׁל הַקְּדֻשָּׁה.**

[עו] עיין ליקוטי הלכות הל' מלמדים ה"ד, אות י"א: וְזֶהוּ גֹּדֶל מַעֲלַת הַצְּדָקָה שֶׁשְּׁקוּלָה כְּכָל הַתּוֹרָה כֻּלָּהּ וְכַאֲשֶׁר הֶאֱרִיכוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה בְּעֹצֶם מַעֲלַת הַצְּדָקָה **וְקֹדֶם כָּל דָּבָר שֶׁבִּקְדֻשָּׁה צְרִיכִין לְהַפְרִישׁ לִצְדָקָה, כַּמּוּבָא בַּסְּפָרִים.**

עס איז דא א טייטש וואס רבי נתן האט נאכגעזאגט פון זיין שווער - רבי דוד צבי: "נָתוֹן תִּתֵּן לוֹ"[עז] - 'דו זאלסט געבן דאס געגעבענע', און דעמאלט, "וְלֹא יֵרַע לְבָבְךָ בְּתִתְּךָ לוֹ", ווייל דו האסט דאך שוין ליגן א פושקע מיט געלט[עח].

עס האט געקענט זיין אַן ארעמאן וואס האט נישט געהאט אויף שבת און ער האט געקענט געבן אַן (אנדערן) ארעמאן צען פונט. איז דאך די קשיא, ווי קען ער געבן צען פונט, ער האט דאך נישט אויף שבת? דער תירוץ איז, די צען פונט האט ער שוין געהאט פון פריער. "וַחֲטָאָךְ בְּצִדְקָה פְרֻק"[עט].

למשל, אז איינער דארטן דארף זיך מאכן א ניתוח (- אפאראציע) און דער פראפעסאר וויל צען טויזנט פונט דערפאר, וועט ער דען זאגן, "ניין, איך קען נישט געבן מער ווי א חומש - איך גיב נאר א חומש"...?! דאס אייגענע איז אויך דא, א מענטש וואס וויל זיך ראטעווען, מעג זיך אויסלייזן מיט צדקה - 'איך וויל זיך

---

[עז] דברים טו, י.

[עח] וראה זה דבר פלא מה שנדפס בספר "אמרי בינה" ["אשר חיבר כבוד הרב וכו' מו"ה ישראל מתתי' אויערבאך (שליט"א) הרובץ תחת משא עבודת הקודש עיר צעשינוב ... בן הרה"צ סבא קדישא חסידא ופרישא מו"ה נחמן זאב זללה"ה ממאניסטרישץ בהרב הצדיק הגאון האמיתי המפורסם בכל קצוי ארץ איש אלקים קדוש מופת הדור כקש"ת מו"ה **דוד צבי** זצוקללה"ה **האבדק"ק קרעמיניץ ומאהלוב ושאר ק"ק**" - מתוך נוסח שער הספר] בחלק יו"ד סי' רמ"ט, וזל"ש: ויען שבסימן הלז מדבר בענין מעשר כספים **אציג כאן דברי אא"ז איש אלקים הגאון האמיתי כקש"ת מו"ה דוד צבי זצ"ל** בחיבורו כת"י עה"ת פי' הפסוק (פ' ראה טו, י') "**נתון תתן לו ולא ירע לבבך בתתן לו כי בגלל הדבר הזה יברכך ה' אלקיך בכל מעשך ובכל משלח ידך**". ודקדק אא"ז זצ"ל על כפל לשון נתון תתן, וגם מ"ש בכל מעשך ובכל משלח ידך. ופי' דקאי על מעשר כספים (**כי כל ימיו היה מזהיר מאוד על זה לכל הסרים למשמעתו**), והיינו כשתרויח עשרה פשוטים, אזי נתו"ן פשוט א' מעשר, ואף כשלא הוזמן לך עני לעת עתה יהיה מונח אצלך, ואח"כ כשיזדמן לך העני אזי תת"ן לו המעשר שהפרשת, ועי"ז "לא ירע לבבך בתתן לו" כי כבר הפרשת בעת שהרווחת ועתה אינו שלך. והבטיח לו הכתוב "כי בכלל הדבר הזה" שתעשה כן "יברכך ה' בכל מעשך" היינו עבור המעשה שעשה שהרויח והפריש המעשר. וגם "בכל משלח ידך" היינו אח"כ בשעה שנותן לעני שאז אינו נותן לו כלום משלו ואינו עושה רק אשר שלח את ידו ופושט לעני את אשר הפריש כבר, עכ"ז יהיה לו עבור זה ג"כ ברכה, וזהו "בכל מעשיך ובכל משלח ידך" והבן, ודפח"ח. עכ"ל. פירוש זה מובא גם בספר "דברת שלמה" (מתלמידי המגיד) פר' תרומה; ובספר "מחזה אברהם" (להגאון הגדול מבוטשוטש זצ"ל) פר' מקץ, בד"ה: "וחומש את ארץ מצרים" וכו' בשם דרשן אחד.

[עט] דניאל ד, כד.

ראטעווען, נישט ווייל איך וויל האבן די מצוה פון צדקה, נאר ווייל איך וויל זיך ראטעווען, איך וויל זיך אויסלייזן, דאס איז דאך א פדיון נפש!'.

עס זענען געווען ארעמעלייט וואס עס איז געווען ביי זיי א שיינע פושקע צדקה און זיי האבן געגעבן שיין.

❖

(עונה לשואל בענין אמירת תהלים בלילה:) 'תהלים' איז אויך נאר בדרך לימוד - נישט, אבער בדרך תפילה מעג מען זאגן תהלים.

❖

## וואס האבן איך צו רעדן מיט אים?!

רבי נתן האט אזוי געזאגט[פ]: "פאר די וואס זיי ווייסן נישט אז זיי וועלן ליגן מיט די פיס צום טיר - צו זיי רעד איך נישט; די וואס זיי ווייסן יא - מיט זיי רעד איך!".

שוין, די אלע דיבורים וואס מיר רעדן, רעדן מיר אלץ אז דער אויבערשטער זאל העלפן מיר זאלן אינזין האבן דעם תכלית, אינזין האבן דעם תכלית, דאס ראטעוועט אונז.

❖

[פ] כוכבי אור, ערך 'אנשי מוהר"ן' - 'דיבורים ממוהרנ"ת', אות י"ג: בְּעֵת שֶׁשָּׁלַח לְהַדְפִּיס אֶת סִפְרוֹ לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת עָנָה וְאָמַר: **מִזֶּה שֶׁאֵינוֹ חוֹשֵׁב עַל תַּכְלִיתוֹ הָאַחֲרוֹן מַה יִּהְיֶה בְּסוֹפוֹ כְּשֶׁיִּהְיֶה שׁוֹכֵב עַל הָאָרֶץ וְכוּ', מִזֶּה אֵינוֹ מְדַבֵּר כְּלָל, כִּי זֶה הוּא דּוֹמֶה לִבְהֵמָה מַמָּשׁ. רַק מִי שֶׁחוֹשֵׁב הֵיטֵב מַה יִּהְיֶה בְּסוֹפוֹ, וְלִבּוֹ חוֹשֵׁק וְכוֹסֵף מְאֹד לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וּבְוַדַּאי נַעֲשֶׂה עִמּוֹ מַה שֶּׁנַּעֲשֶׂה, כִּי הַהִתְגַּבְּרוּת גָּדוֹל מְאֹד כַּיָּדוּעַ לָנוּ, בִּשְׁבִיל זֶה הָאִישׁ חִבַּרְתִּי אֶת סִפְרִי, כִּי אוֹתוֹ יְחַזְּקוּ דְּבָרַי וְאוֹתוֹ יְאַמְּצוּ.** (כַּמּוּבָן כָּל זֶה לְבָקִי בִּדְבָרָיו הַקְּדוֹשִׁים). גם עיין בליקוטי הלכות הל' ראש חודש ה"ו, אות ז'.

(חסר, משוחחים אודות איגרת המזוייף שמשם נשתלשל הקרירות אצל חסידים בענין קימת חצות[פא])

- - - **זיי האבן באקומען עפעס א פאלשן מכתב ווי גלייך אדל'ע דעם בעל שם'ס טאכטער האט דאס געשריבן צו ר' שלום פראביטשער, וואס פון דעם פאלשן מכתב שטעלן זיי אוועק און מען מאכט אוועק דעם 'קימת חצות'.**

**איך האב געזעהן דעם מכתב - 'דער בעל שם איז געשלאפן ביז זעקס אזייגער אינדערפרי'... - געוואלד!**

**מיר האט איינער דערציילט אז דער פריערדיגער מונקאטשער** (בעל מנחת אלעזר) **האט דעם מענטש** (וואס האט אפגעדרוקט דעם פאלשן בריוו) **נישט אריינגעלאזט צו זיך אין שטוב!**

**דאס איז א פאלשער מכתב!**

**דער בעל דבר האט דורך דעם צעריסן** (הענין של קימת חצות).

---

[פא] עיין טעם זקנים קונטרס כ"ג מה שמספר שם בזה"ל: עס איז דא א 'מכתב' (מזויף, כדלהלן), דער מכתב איז אפגעדרוקט, ווי אדל'ע האט געשריבן צו רבי שלום פראבישטער - דעם מלאך'ס א זון, דעם סדר פונעם טאטן [- ער האט אנגעפרעגט ווי אזוי דער בעל שם האט זיך געפירט], (ובתוך דברי מכתבה כתוב): 'די ערשטע האלבע נאכט - (אָז כביכול עשה בעבודתו בלימוד ובתפלה), די אנדערע האלבע נאכט איז ער 'געשלאפן', און ער אויפגעשטאנען זעקס אזייגער אינדערפרי... - איך האב זיך אנגעהערט - ווי אזוי איז געווען די מעשה טאקע? אדל'ע שרייבט דאך אזוי? נאר עס איז אזוי געווען, עס איז געקומען אמאל גדולים, צדיקים, צום בעל שם הקדוש, האט ער זיך פארערעדט מיט זיי ביז חצות. האט זיך אנגערופן אדל'ע: **"טאטע, וואס וועט טאקע זיין מיט חצות?"**. (ענה הבעש"ט הקדוש): **"מען דארף דאך אמאל פארריכטן דער ערשטער האלבער נאכט אויך!"**. אז ס'קומט א צדיק צו אים און מען האט גערעדט ביז חצות - איז שוין ארויס א פאלשע שיחה - מען האט געביטן די ערשטע האלבע נאכט מיט דער אנדערע האלבע נאכט... דער מכתב איז אפגעדרוקט - און אלע נעמען ארויס א יסוד פון דעם מכתב אז היינט דארף מען פארריכטן די ערשטע האלבע נאכט... דער בעל דבר האט מצליח געווען מיט דעם מכתב, ער האט מיט דעם מבטל געווען א האלבע וועלט חסידים (מקימת חצות), ווייל זיי האבן א 'מכתב', זיי האבן א 'מכתב'... - דער מכתב איז א פאלשע זאך. דאס איז א ריווח פונעם בעל דבר, ער האט מצליח געווען; "דו קענסט זאגן אנדערש? דאס איז דאך א מכתב פון אדל'ען דעם בעל שם'ס טאכטער!"... נו, דער אויבערשטער זאל העלפן. [מובא גם בשיש"ק (חדש) ח"א, אות שכ"ט].

רבי הערשעלע זידיטשובער וואס איז געווען א תלמיד ביים חוזה אסאך שפעטער, האט קיין איין נאכט נישט פארפעלט קיין חצות!

אזעלכע שקרים אויסצוטראכטן...

יא, מיר האבן אמאל געזאגט איינעם אז דער רבי איז דעם בעל שם'ס אַן אייניקל, האט יענער געזאגט, "דער בעל שם האט נישט געהאט קיין קינדער"... "דער בעל שם איז געווען אַן עָקר"... זאג איך אים, "וואס איז דאס?" - "יא", זאגט ער מיר, "עס איז א דבר ידוע, ער האט נישט געהאט קיין קינדער"... נו, גיי שפאר אים איבער...

מיר דארפן נישט וועלן האבן קיין ויכוחים; (אפילו עס שטייט טאקע[פב]:) "מתוך הויכוח יתברר האמת", אבער פון די ויכוחים וועט נישט ווערן נתברר דעם אמת, זיי האלטן זיך ביי זייער'ס, איך וועל יענעם נישט איבערמאכן.

מיר דארפן רעדן נאר פון זיך אליין, מיר דארפן זיין שטארק מיטן רבי'נס א זאך, דעם רבי'נס א דיבור זאל האבן ביי אונז א חשיבות. אז ער וועט האבן א ריח פון דעם רבי'ן, דעמאלט קען איך מיט אים רעדן. וואס האבן מיר איינגעלייגט מיט די אמונות כוזביות פון פאלשע קבלות און פאלשע מעשיות?! זיינע שקרים וויל איך נישט הערן, וואס האב איך צו רעדן מיט אים? דערווייל וועל איך דאך הערן זיינע דיבורים!

(רלוי"צ פונה לאחד:) ווען מען איז געפארן קיין מירון - און דו ביסט געפארן, ר' וועלוול חשין אויך, דער נהג דארט איז געווען א געוואלדיגער אפיקורס, ער האט גערעדט דברי אפיקורסות - און דו האסט מיט אים גערעדט - 'געוואלד! פארוואס דארף איך הערן זיינע דיבורים?!' צו ער וועט הערן מיינע דיבורים - ווייס איך נישט, אז יענער שיט אויס - דארף איך מיט אים רעדן?! "הקהה את שיניו", איך וויל נישט הערן דיינע דיבורים. אפגעהאקט.

---

[פב] רע"ב אבות פ"ה, מי"ז.

(השואל: אויב ער האט שאלות?) אז ער וויל פרעגן שאלות - 'איך קען נישט ענטפערן קיין שאלות, איך בין נישט קיין בר דעת, איך ווייס נישט וואס צו ענטפערן!' - איך וויל נישט הערן זיינע שאלות, ער האט גערעדט אפיקורסות.

דאס איז אויך א מין יצר הרע - 'ווען האבן ויכוחים'. רבי נתן האט דען געוואלט האבן ויכוחים?! מיט הירש בער'ן האט אים דאך דער רבי געהייסן רעדן, ער האט געהאט א ציווי פונעם רבי'ן - האט ער געמוזט רעדן; רבי נתן האט געמוזט פאלגן דעם רבי'ן.

דער רבי זאגט דאך אין דער תורה "להתרחק מדיבורים של רשע"[פג], זיינע דיבורים זענען 'אוירים ארסיים של ניאוף', זיי זענען 'מוליד ניאוף בהשומע', ווי קען איך הערן זיין ווארט? ווי קען איך הערן זיינע דיבורים?!

מיר האבן ברוך ה' אונזערע דיבורים צו רעדן, מען דארף אין דעם מרבה זיין; אז דער אויבערשטער העלפט און מען קומט זיך צונויף, דארף מען רעדן אונזערע דיבורים; אפילו ממאס זיין אין אנדערע פעלט אויך נישט אויס[פד].

דוד הייסינער[פה] - ער איז אריינגעקומען צו אונז. די וועלט האט געוואוסט אז אין אומאן איז פארהאן א ברסלב'ער שול - דארטן דארף מען אריינגיין טאנצן... ממילא איז ער מקורב געווארן. אסאך זענען מקורב געווארן ביי אונז, אבער זיי זענען אריינגעקומען - איך בין נישט געגאנגען צו אים. אז מען פלעגט אמאל מאכן א

---

[פג] ליקוטי מוהר"ן סי' מ"ג.

[פד] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' קע"א: וְרַבִּים מִיְּשֵׁנֵי אַדְמַת עָפָר יָקִיצוּ אֵלֶּה לְחַיֵּי עוֹלָם וְאֵלֶּה לַחֲרָפוֹת וּלְדִרְאוֹן עוֹלָם (דָּנִיֵּאל י"ב). עַל יְדֵי שֶׁנִּתְעוֹרֵר שֵׂכֶל חָדָשׁ בַּעֲבוֹדַת ה' מַה שֶּׁלֹּא הָיָה נוֹדָע עַד עַתָּה, עַל יְדֵי זֶה "רַבִּים מִיְּשֵׁנֵי אַדְמַת עָפָר יָקִיצוּ", אַךְ "אֵלֶּה לְחַיֵּי עוֹלָם וְאֵלֶּה לַחֲרָפוֹת וּלְדִרְאוֹן עוֹלָם", כִּי "צַדִּיקִים יֵלְכוּ בָם" (הוֹשֵׁעַ י"ד) שֶׁעוֹבְדִין עִם זֶה הַשֵּׂכֶל אֶת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, "וּפוֹשְׁעִים יִכָּשְׁלוּ בָם", שֶׁאֵינָם עוֹבְדִים בָּזֶה אֶת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, **רַק שֶׁעַל יְדֵי זֶה הֵם מְבַזִּין וּמְחָרְפִין אֶת הָעוֹלָם, עַל שֶׁהֵם יוֹדְעִין מִזֶּה הַשֵּׂכֶל הֶחָדָשׁ, וְהָעוֹלָם אֵינָם יוֹדְעִין מִזֶּה.** וּכְמוֹ שֶׁשָּׁמַעְתִּי לַחֲרָפוֹת וּלְדִרְאוֹן עוֹלָם, הַיְנוּ לְחָרֵף וּלְבַזּוֹת הָעוֹלָם, כִּי אֵינָם **מִשְׁתַּמְּשִׁין עִם זֶה הַשֵּׂכֶל הֶחָדָשׁ, רַק לְבַזּוֹת וּלְחָרֵף הָעוֹלָם, עַל יְדֵי שֶׁהֵם יוֹדְעִין מִזֶּה וְהָעוֹלָם הֵם רֵיקִים וַחֲסֵרִים מִזֶּה.**

[פה] עיין אודותיו בטעם זקנים קונטרסים כ"ה, ק"ו.

נסיעה[פו], איז אויך געווען דאס אייגענע; אבער אנכאפן א פרייער מענטש אין גאס און רעדן מיט אים - דאס האט מען נישט געטוהן. אז יענער האט זיך עפעס צוגעקלעפט צו מיר, איז נישט דער פשט - 'איך גיי צו אים און איך כאפ אים אָן'[פז].

אין קשיות דארף מען אויך זייער נזהר זיין, [אז ער ער וועט לערנען, וועט ווערן אוים קשיות], ווייל בדרך כלל, אזעלכע מענטשן וואס פאלן אראפ קענען פרעגן קשיות וואס בשעת מעשה גיי איך אים טאקע אנטקעגן, אבער נאכדעם בלייבן די קשיות ביי מיר אין הארץ[פח].

❖

(אחד הנוכחים: דער טשעהרינער רב איז נישט געשלאפן א גאנצן שבת?) אז ער האט געמאכט דעם "יקרא דשבתא" איז ער שוין נישט געשלאפן; און אויך (כשחיבר ספרו "ירח האיתנים") אויף ראש השנה.

❖

## גע'חלש'ט ביים סדר

(ר' נחמן: דאס וואס דער רבי פלעגט זיך פאַרהענגען דאס פנים פרייטאג צונאכטס, איז נישט געווען אלעמאל!) נישט אלעמאל, (רק לפעמים, כמו) ביי דער תורה "יש צדיקים גנוזים"[פט] און ביי תורה כ"ד (וכדו'). אז עס פלעגט זיך אביסעלע ארויסזעהן דאס פנים, (האט מען

---

[פו] עיין חיי מוהר"ן אות תקמ"ג: **כַּמָּה פְּעָמִים הָיָה מְדַבֵּר הַרְבֵּה עִמָּנוּ וְהִזְהִיר אוֹתָנוּ מְאֹד לְקָרֵב נְפָשׁוֹת לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ**, לְהִשְׁתַּדֵּל לְדַבֵּר הַרְבֵּה עִם בְּנֵי אָדָם כְּדֵי לְעוֹרְרָם וְלַהֲשִׁיבָם לְקָרְבָם לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ ... **וְגַם הָיָה רְצוֹנוֹ שֶׁיִּסְעוּ נְסִיעוֹת בִּשְׁבִיל זֶה** כְּדֵי לְדַבֵּר עִם בְּנֵי אָדָם.

[פז] עיין ליקוטי הלכות הל' תערובות ה"ה, אות ג': בַּהֶכְרֵחַ שֶׁיִּהְיֶה אֵיזֶה אִתְעָרוּתָא דִּלְתַתָּא. **וְכַמּוּבָן בְּשִׁבְחֵי הָאֲרִ"י זַ"ל בְּעִנְיַן הַסִּפּוּר אֵיךְ שֶׁקֵּרֵב אֶת תַּלְמִידָיו, עַיֵּן שָׁם. וְזֶה בְּחִינַת אֵין מְבַטְּלִין אִסּוּר לְכַתְּחִלָּה, שֶׁאָסוּר לִקַּח אֶת הָאִסּוּר שֶׁהוּא בְּחִינַת הָרָחוֹק מֵה' יִתְבָּרַךְ, לְקָרְבוֹ וּלְבַטְּלוֹ בְּעַל כָּרְחוֹ, רַק אִם יִפֹּל מֵעַצְמוֹ לְתוֹךְ הַהֶתֵּר אָז מְבַטְּלִין אוֹתוֹ.**

[פח] עיין מזה בחיי מוהר"ן אות כ"ד.

[פט] ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ל"ב.

(געזעהן) עס האט געברענט ווי א פייער, מען האט נישט געקענט קוקן, עס איז געווען אזוי פארדעקט, נאר עס האט זיך אביסל ארויסגעזעהן דאס פנים[צ].

(ר' נחמן: ביי רבי נתן'ען איז אויך אמאל אזוי געווען אז ער האט זיך פארדעקט?) **יא, עס איז אמאל געווען וואס ער האט זיך פארדעקט.** (ר' נחמן: פסח ביינאכט ביים סדר?) **עס איז געווען אמאל וואס רבי נתן האט זיך צעשריגן: "ובמורא גדול - זו גילוי שכינה!" - האט ער גע'חלש'ט, מען האט אים געדארפט דערמינטערן...**[צא]

**מיר דארפן זיך איינ'חזר'ן די אלע רעצעפטן וואס דער רבי גיט אונז! מיר דארפן גלויבן אז דאס איז אונזער תיקון הנפש, מיר דארפן רעדן איינער מיטן אנדערן, זיך מחזק זיין אין די עצות, מיר זאלן גיין אין דעם חדר און פאלגן דעם רבי'ן! דאס איז אונזער חדר!**

❖

## געשוויגן און נישט געענטפערט

**דער רבי האט געזאגט: "איך האב געוואלט איר זאלט רעדן פון מיר און שמועסן פון מיר - מען זאל נישט דערמאנען מיין נאמען; מיר אַרט נישט אז יענער זאל בענטשן אַן ערנסט בענטשן וואס זאל זיין פון מיין כח און ער וועט נישט וויסן אז עס איז פון מיין כח!".**

**אויף רבי'ן איז דאך געווען התנגדות, און דער רבי האט געוואלט מזכה זיין דער וועלט מיט זיינע דיבורים און עצות; איי מען וועט נישט וויסן פון וואנעט עס איז? - 'מיר אַרט נישט!'**[צב].

---

[צ] עיין שיש"ק (חדש) ח"ג, אות תקכ"ד.

[צא] שיש"ק (חדש) ח"ג, אות תע"ו, ומוסיף שם: גם ארע פעם שלרוב התלהבותו באמירת ההגדה כיסה מוהרנ"ת את פניו הנלהבים שבערו מאד; **וכן היה כמה פעמים בעת התלהבותו בשבת קודש.**

[צב] עי' ספר המדות - ערך תשובה אות פ"ו: **מִצְוָה לְהַחֲזִיר אֶת בְּנֵי-אָדָם עַל כָּל דְּבַר פֶּשַׁע, וְאִם אַתָּה יָרֵא, שֶׁלֹּא יִשְׁמַע לְךָ, תֹּאמַר דְּבָרֶיךָ בְּשֵׁם צַדִּיק אַחֵר, כְּדֵי שֶׁיִּשְׁמְעוּ אוֹתְךָ.**

עס איז געווען כמה מאל וואס איך פלעג פארן פון טעפליק קיין אומאן מיט דער באן דארטן, פלעג איך אלץ האבן א משניות; פון א משניות קען יענער נישט וויסן (שאני חסיד ברסלב), מען קען נישט דערקענען אויף מיר (חסר ההמשך)[צג].

מען דארף כסדר זעהן אז דעם רבי'נס כבוד זאל ווערן נתכבד דורך מיר; אז איך זעה אז מיט מיין רעדן וועל איך גורם זיין אז יענער וועט חלילה רעדן 'לצד הרע' - - אמאל אז מען זאגט צוריק א ווארט מאכט מען נאך ערגער.

עס איז פארהאן אמאל א תאוה צו האבן ויכוחים, מען וויל האבן ויכוחים מיט יענעם - אויך א תאוה פון די תאוות. (עס שטייט טאקע:) "מתוך הויכוח יתברר האמת", אבער עס האט זיך ארויסגעוויזן כמה מאל אז פון אונזערע ויכוחים - - מיר דארפן נישט האבן קיין ויכוחים. אסאך מענטשן זענען מקורב געווארן צו אונז דורך דעם וועג - אז מיר האבן זיך דערווייטערט פון האבן ויכוחים.

---

[צג] עיין טעם זקנים קונטרס ל', וזל"ש: איך האב געקענט רעדן מיט א מתנגד פונעם רבי'נס זאך - מיט דעם גרעסטן מתנגד - איך האב מיט אים אפגערעדט עטליכע שעה, איך האב אים ארייגעהאקט דעם גאנצן ליקוטי מוהר"ן, גאנץ ליקוטי הלכות! ער האט נישט געוואוסט אז איך בין א ברסלב'ער, און ער האט נישט געוואוסט אז דאס איז פונעם רבי'ן... ווען ער איז אוועקגעגאנגען, האט ער זיך פון מיר געזעגנט, האט ער מיר געזאגט: **"קשה עלי פרידתכם!"** דאס איז א 'פארברענטער מתנגד' - און ער האט נישט געוואוסט אז איך בין א ברסלב'ער חסיד... (מיר זענען געווען) עטליכע שעה אויפן באן, פלעג איך האלטן אויף דער באן א 'משניות', ווייל טאמער קומט א מתנגד און ער וועט צוגיין צו מיר - אז איך האלט דעם רבי'נס ווערטער וועט ער דאך נישט וועלן צוגיין צו מיר, האב איך געהאלטן א משניות. (והלה הסתכל:) "א משניות?", איז ער צוגעקומען צו מיר - "ווער זענט איר? וואו דאוונט איר? וואספארא חסיד זענט איר?" - אזוי האט יענער אנגעהויבן פרעגן גלייך. זאג איך אים: "תלמידי בעל שם!" - איך האב זיך אזוי ארויסגעדרייט, און איך האב אים געהאקט די ווערטער פונעם רבי'ן! (וכששאל הלה:) "געוואלד, וואו האט איר געהערט אזעלכע ווערטער?" - "אין ספרי תלמידי הבעל שם!". "ס'איז געווען 'קשה עלי פרידתכם'" - האט ער זיך מיט מיר געזעגנט. און דער איז געווען א מתנגד! דאס האט דער רבי געוואלט: **"רעדט פון מיר, שמועסט פון מיר - דערמאנט נישט מיין נאמען!"**. ווען איך זאג אים איין ווארט, גיט ער א שפרונג אוועק פון מיר - 'שוין!'. (השואל: רבי נתן פלעגט אויך אזוי טוהן - נישט דערמאנט דעם נאמען פון רבי"ן? איך מיין אז רוב התנגדות איז געווארן פון דעם וואס רבי נתן האט גערעדט פונעם פון רבי'ן...) וואו ער האט געקענט! רבי נתן איז שוין געווען ידוע'דיג, מען האט אומעטום געוואוסט ווער ער איז, האט ער זיך נישט געקענט מעלים זיין! אבער מיר האט מען נישט געוואוסט, איך האב זיך געקענט מעלים זיין!

ר׳ ישראל קארדונער, נאכדעם וואס ר׳ משה ברסלב׳ער האט אים שוין גענומען צו זיך, פלעגט ער מיט אים לערנען. איז א שטיק צייט (בתחילת התקרבותו) ווען ר׳ משה ברסלב׳ער האט געלערנט מיט אים ליקוטי מוהר״ן (בענין מעלת הצדיק האמת), האט ר׳ ישראל געזאגט: ״יא, דאס מיינט דער רבי דעם סאדיגורער - ביי אים האב איך געזעהן דאס!״ - ער איז געווען דארט א חסיד פריער. און רבי משה האט אים גארנישט געזאגט, ער האט געשוויגן, ער האט געהאט אריכת אפים.

צום סוף, האט ער אנגעהויבן צו זאגן: ״אוי, דאס האב איך נישט געזעהן ביים סאדיגורער!״, האט ר׳ משה ווייטער געשוויגן. נו, איז ער געווארן א ברסלב׳ער חסיד.

ר׳ משה האט געזעהן אז ער איז א ׳נפש יקרה׳, און אויב ער וועט אים ענטפערן, גייט ער אוועק. האט ער געשוויגן. ביז דער קארדונער איז געווארן - נאכדעם איז ער שוין געווארן...

עס איז דא אזא מין ענין, שרעק זיך נישט איבער, יענער קען רעדן אמאל א ווארט וואס (איז נישט ריכטיג), נאך דעם - פון זיך אליין ווערט (נתהפך דעתו).

# על הטוב יזכרו ידידינו היקרים

שנדבו למען הוצאת הקונטרס, הלא הם

מזל טוב מיוחדת לידידי

מו"ה **שלמה זלמן שווארץ** הי"ו - ירושלים (מאנסי)

לרגל הולדת בנו למזל טוב

מאת: יוסף מענדל האס

מו"ה **נתנאל שטיינמעטץ** הי"ו
בארא פארק
לרגל הולדת בנו למזל טוב

מו"ה **יוסף שלמה פרענקל** הי"ו
וויליאמסבורג
לרגל הולדת בנו למזל טוב

מו"ה **אברהם משה** הי"ו, ובנו
מו"ה **מנחם יואל** הכהן **שווארץ** הי"ו
מאנסי
לרגל הולדת בתו/נכדתו למזל טוב

מו"ה **שלמה בנימין**
**הכהן זילביגער** הי"ו
מאנסי
לרגל הכנסת בנו הבה"ח ישעי'
דוד ני"ו לעותומ"צ למזל טוב

מו"ה **מרדכי ליכטער** הי"ו
מאנסי
לרגל הולדת בנו בכורו למזל טוב

מו"ה **אברהם רויטענבורג** הי"ו
מאנסי
לרגל הולדת בנו למזל טוב

מו"ה **פנחס גוטמאן** הי"ו
וויליאמסבורג
לרגל הכנסת בנו לעותומ"צ למזל טוב

מו"ה **שמשון ווייס** הי"ו
וויליאמסבורג
לרגל נישואי בתו עם החה"ח
יוחנן הארטמאן ני"ו למזל טוב

בקשו רחמים מרובים עבור האברך **אלטר**
**נפתלי בן ציון** בן **מינדל** לרפו"ש

## לזכרון בהיכל ה'

מו"ה יצחק יעקב ב"ר מרדכי הלוי ע"ה
נלב"ע י"ד ניסן תשפ"ג

מרת פיגא רבקה בת ר' חיים צבי ע"ה
נלב"ע ז' מנחם אב תשפ"ב

מרת רוחמה שרה ע"ה בת ר' יצחק הי"ו
נלב"ע י"ב שבט תשע"ט

מו"ה יעקב ב"ר שמואל הכהן ע"ה
נלב"ע י"ג אייר תשפ"א

תהא נשמתם צרורה בצרור החיים